STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09448

DOVID BLANK

Leonid Feinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. פיינבערג

דאָוויד בלאַנק

(אַ ראָמאַן אין פערזן)

פאַרלאַג
„סיגנאַל" ביים „פּראָלעטפּען"
נויאָרק
1934

"DAVID BLANK"
A Novel in Verse

Copyright 1934 by Leonid Feinberg,
676 St. Mary's St., Bronx, N. Y.

ביכער פון ל. פיינבערג:

1. ערעוו-שטורעם — — — — 1926
2. גרוים-שטאָט — — — — — 1928
3. ליכט און ברויט — — — — 1931
4. דאָוויד בלאַנק — — — — 1934

34

ערשטער טייל

יוגנט

...סיהאָט די יוגנט געשמעקט מיט לאַנדיש
און סיהאַרץ האָט געבליט אין עקסטאַז...
געטרוימט האָט מען דעמאָלט אַנדערש
און אַנדערש געליבט און געהאַסט...

(דאָוויד בלאַנק)

אינהאַלט פֿון ערשטן טייל

„יוגנט":

א. דאָוויד בלאַנק — — — — — — — — — — 5

ב. געניאַ שאָר — — — — — — — — — — 21

ג. געוויטער — — — — — — — — — — — 39

ד. אַפֿן בראָכשטול — — — — — — — — 45

ה. פֿראָנטן — — — — — — — — — — — 55

ו. העפּקער — — — — — — — — — — — 69

א. דאָוויד בלאַנק

גע־אַרשנט האָט דאָוויד פון ביידן
דעם טאַמצעס פון זייער גאָב:
די רויע ענערגיע — ביים זיידן,
ביים טאַטן — דעם שאַרפן קאָפּ.

1. סענדער נאָגיד

געווען איז רייך און פרום רעב סענדער נאָגיד,
א איד — א טאַקעף און א גרויסער גוואַר,
א פּלייצע — ווי אַ שפּאַן, אַ גוף — א פולער לאָגל —
און ס'האָט מיט אים געשעמט פון בערשאַד ביזקל
באר.

א איד — א יאבעדניק, א בייזער און קאפּריזנער,
מיט פּריצים און מיט גאנץ נאַטשאַלסטוואָ פּאניבראַט,
האָט ער אַמאָל דעם בערשאַדער אַקציזניק
דערלאַנגט פאר אלעמען אינמיטן מארק א פּאטש.

געהאַט האָט ער אין שטאָט דעם שענסטן מאָווער
מיט ליבן צוויי ביים גלעזערנעם באַלקאָן,
א רייכן „וויעזד" 1) מיט פיר פערד שפּאקאָווע
מיט רעדער גומענע — לויט לייפּציקער פאסאָן.

געווען איז ער דער גאנצער שטאָט א טאטע,
האָט אויסגעבויט ס'בעסמעדרעש און די באָד
און אויסגעפּויעלט ביים סאַמע גובערנאַטאָר
מיט פופציק יאָר צוריק א „וואָדאָפּאָראָוואָד". 2)

געווען איז ער א איד — אן אמעאָרעץ —
און וואו א לאַמדן נאָר, איז ער זיין מיילעץ־טאָוו,
ער האָט זיך נישט געשראָקן פארן גרעסטן פּאָריץ,
נאָר ס'האָט מיט אים געטרייסלט פאַרן מינדסטן ראָוו.

געהאַט האָט ער אַ וואַלד, אַ מיל און דריי אַליניעס 3)
און ס'האָט זיך קיינמאָל נישט געשטעלט ביי אים
קיין ראָד.
דערצו האָט ער געהאַלטן מיט רעב אויזער פּיניעס
בעשוטפעס אין ארענד א לעדערנעם זאוואָד.

1) אַ קאַרעטע.
2) וואַסער־לייטונג.
3) אויל־מילן.

מיט כסידים טאַלנער זיך ביז בלוט געגעריקט,
געווען פאַרגלויבט אין ראַכמיסטריווקער „הויף״, —
האָט אים געבענטשט דער רעבע מיט אַ טאַכטער
סערקע.
אַ מויד — אַ קאַזעק, ס׳פּיסקל, ווי אַ שרויף.

האָט ער געקויפט פאַר פינעף הונדערט רובל
אַ זיידן איידעמל זיין טאַכטער פאַר אַ מאַן
אַן איידל באַכערל — אַ לאַמדן און מעקובל —
און עווענטאַוו — אַ גרויסן אָרימאַן.

און אַז געפירט האָט סענדער צו דער כופּע
זיין טאַכטער סערקע מיטן איידעם — דעם פאַרשוין,
האָט ער אינמיטן מאַרק פון כעדווע זיך צעכליפּעט
און האָט געשיינקט דער קלויז אַ גאָלד־באַדעקטע
קרוין.

און ביי דער גילדנער יויך — ביים זייט פון יונגן
איידעם
איז סענדערס כעדווע שוין געווען פאַרפול;
—„אַז איך וועל, שאָלעם־סערצע, שטאַרבן — אין
גאַניידן
וועט מיר דיין טוירע צוגרייטן אַ גאָלדנעם שטול!״—

ער איז דאַן גרייט געווען דאָס גאַנצע דאָברע־מאַזל
אוועקגעבן דעם איידעם — דעם פאַרשוין.
און נישט דערפאַר וואָס ר׳האָט פון אוילעמאַזע
באָלילע נישט געהאַלטן, — ניין!

פאַרקערט, ס׳האָט סענדער ליב געהאַט אריינצוזאַכלען:
אַ העלדזל אַ געפּילטס, אַ ראָסלפלייש און פיש,
אַ טאָפּ וואַרעניקעס איז אויך אַמאָל אַ טאַכלעס,
נאָר מער פון אַלץ — אַ פליישיק־געשטאָפּטער קניש.

און אַז די צייט געקומען איז צו שטאַרבן,
האָט ער ווי צו דער כאַסענע זיך אויסגעפּוצט,
אַף אוילעמעם געהייסן געבן טויזנט קאַרבן
און סערקע׳ן אָפּגעשריבן ס׳גאַנצע האָב־און־גוטס.

דערנאָך האָט ער געכאַסמעט די צוואָע,
באַשטעלט אַ זראַזע 1) און אַ גרויסן קניש —
און איבער הייסן פלעצל מיט „זשאַרקאָיע״ 2)
איז אויסגעגאַנגען ער אַזוי ביים טיש.

1)״2) — ראָסלפלייש.

2. שאָלעם בלאַנק

שאָלעם בלאַנק האָט געשטאַמט פון זניטקעוו
(א שטעטל אין זעלבן פּאָוויט),
געווען איז זיין טאַטע דער שניטקרעמער
רעב גאווריל — א שלימאזל א איד.

ר׳האָט געוואוינט אף די וויטע מאָהאָלעם 1)
מיט א ווייב — און ארורע, א שלאַק —
א קאבצן אין זיבן פּאָלעם
מיט א זיידענעם אונטערשלאַק.

געווען איז גאווריל ווי א באָקסער
פארטרוקנט און אויסגעצערט,
מיט א באָרד, ווי מיט קליאַטשע באוואָקסן —
א שענערן לייגט מען אין דר׳ערד.

געווען איז די וועלט אים נישט ניכע,
דאָס לעבן — א פאלשער פּאָזיט,
נאָר געגרויסט זיך מיט זיידענעם ייכעס
האָט גאַווריעל, דער שיינער איד.

אין זניטקעוו פון יאָרן געשעמט האָט,
אז גאַווריל האָט ביי זיך א קסאַוו-יאַד,
א בריוו, אז ער שטאַמט פון באַלשעמטאוו,
און אייניקל פון מאַמעס צאַד.

איז אָט ביים שלימאזל גאווריל׳ן —
א שפּליטער פון מעזשבעזשער פונק, —
איז געוואָקסן א באָכער — און אילוי,
שאָלעם-הערש — א געראָטענער זון.

ווען געוואָרן איז שלום בארמיצווע,
גערעדט האָבן אלע אין שטאָט:
—„נישט אין זניטקעוו און נישט אין קריצעווע,
איז קיין רעבע פאר אים שוין נישטאָ!

— „און אף גאַנץ אף פּאָדאָליער גובערניע
פון פּראָסקוראָוו און ביזקל פּלוין
איז נישטאָ אזא צוויטער לערנער,
איז נישטאָ נאָך אזא פארשוין!״ —

1) פויערישע הייזער ארום אַ אידיש שטעטל

ס'האָבן מאמעס פון אים געכאָלעמט,
די קינדער אין וויג געבענטשט:
—„זאָלסט געראָטן מיר זיין, ווי שאָלעם,
ווען אויסוואקסן וועסטו א מענטש!" —

צו פערצן געהאַט האָט ער סמיכע,
צו פופצן געווען שוין א ראָוו.
נאָר געווען איז גאַוריל דער מעיוכעס
נישט קיין מייווען אף זיין עווענטאָוו.

ווען געקומען איז סענדער פון בערשאַד
נאָך א כאָסן, האָט אים גאַוריל
זיין בעניאָכיד, זיין שאָלעם־הערשן
פאר א שיבעש פארקנאסט אין דער שטיל.

און ווען סענדער געבראכט מיט פּאָטשטאָווע
האָט דעם כאָסן אף שאבעס־כאזוין,
איז די שטאָט אף כאריפּעס געלאָפן
א קוק טאָן אף דעם פּארשוין.

ס'האָט קיינער מיט אזאמין ווערדע,
בענימעס אזוי און גאלאנט,
נישט געטראָגן דעם זיידענעם סערדעט
ווי דער כאָסן — שאָלעם בלאנק.

ס'איז די כופּע געווען שאבעס־שירע.
מ'איז געקומען מיט פור און מיט באַן:
פון דער גאנצער גובערניע גווירים,
און הונדערט ראבאָנים פון לאנד.

נישט געווען איז אין שטאָט קיין אכסאניע,
קיין איינפאָר, קיין הויז און קיין גאס,
וואו ס'איז דעמאָלט נישט איינגעשטאנען
רעב סענדער'ס א כאסענע־גאסט.

ס'האָט רעב סענדער א טכוירענעם טיליפ
דעם איידעם געבראכט פון אָדעס —
האָט באזעצט זיך דער זניטקעווער אילוי
ביים שווער אף אייביקע קעסט.

* * *

לויפן יאָרן, ווי פערד פּאַטשטאָווע,
זיצט שאָלעם אַף קעסטביים שווער,
פאַרדווייקעט אין „מאַיסע־מערקאָווע",
אין „מוירע נעוואוכים" פאַרקלערט.

ס'האָט שאָלעם אַ קאָפּ אַ שאַרפן —
ווי קומט דען צו אים דער ראָוו?
און מען רופט אים שוין שאָלעם כ א ר י ף,
שאָלעם סענדערס — דער פילאָזאָף.

ס'איז סערקע די איישעס־כאַיעל,
פירט מיסכער מיט קיעוו און אָדעס,
און זי וואַקסט מיטן טאַטנס שייערס
אין דער ברייט, ווי אַ וואָרעק קעז.

לויפן יאָרן, ווי פעטע וואַלצן
אין אָליניע ביי סענדער גוויר.
פילט שאָלעם: ער טרינקט זיך אין שמאַלץ־גרוב,
ווי אַ פליג אין אַ פעסל ביר.

ס'איז שאָלעם אַ איד — אַ וואַגער,
אַן איפּכע־מיסטאַווורעניק — סטאַם:
מיט כסידים — אַ קאַלטער מיסנאַגעד,
מיט מיסנאַגדים — אַ כאָסיד — אַ פלאַם.

ער לערנט מיט ברען און מיט טאַבלעס
און פּראַוועט נאָך אָפּטמאָל כצאָס, —
נאָר אום שאַבעס — דער שוויגער לעהאַכעס
רויכערט ער אַ פּאַפּיראָס.

שלום האַסט די געווירים, ווי טשאָלנט,
די קליי־קוידעש, דעם דאַיען און ראָוו
און מען שמועסט שוין אין בערשאַד: ס'איז שאָלעם
אוועק לעטאַרבעס ראָ...

אין האַרצן אַ וואָרעם דליבעט
און ס'שאַרפן זיך שפּיזן אין קאָפּ —
איז שאָלעם אַף שטענדיק פאַרבליבן
אַ מעסוקענער מיזאַנטראָפּ.

3. דאָוויד בלאַנק

לויפֿן יאָרן אין אוישער און קאָוועד,
איז מיט גאָרנישט אוועק צען יאָר,
און עס וואַקסט ביי רעב שאָלעמען — דאָוויד,
א גערעכטענער זון — א בכאָר.

און אָפּט פֿון דער „מאַיסע מערקאָווע"
רעב שאָלעמען ציט צום זון —
און ער לערנט מיטן קליינעם ד אָ ו י ד
זויהאר ביזן פֿריען באַגין:

— „ס'האָט גאָט אין זיין גנאָד לעפּיקאָדן
דיר א ריינע נעשאָמע געשיינקט,
איז דאַרף מען אין קדושע זי באָדן
און האַלטן זי שטענדיק ריין.

— „און נעשאָמעס פֿאַראַן זענען לויטערע
און טאָמע פֿון גאַרן נאָך זינד —
און שווערער פֿון טויזנט טויטן
איז א לעבן א זינדיקס, מיין קינד!

— „דאַרף מען צוימען די זינדיקע טאַיווע
אַף יעדן געניכשלטן טראָט, —
ווייל דאָרט, וואו עס זיגט דער טייוול,
קאָן קיינמאָל נישט זיגן גאָט.

— „ס'האָט דער מענטש שוין נישט איינמאָל פֿאַרמעסטן
זיך געפּרוואווט קעגן שאַדאַי אליין...
נאָר וואָס איז דער מענטשלעכער לעסטער
קעגן הימלישן פֿעלזנשטיין?

— „און וואָס איז דער מענטש דען, ד אָ ו י ד,
דער נאַר — ווי דער קלוגער קאָפּ?
א מילב — אַף דער דלאָן פֿון י ע ה אָ ו א,
ביים טעפּער — א ליימענער טאָפּ.

— „און עס ווייס נישט דער מענטש, ווען קאַוויאָכל
וועט א רוף טאָן די נעשאָמע צוריק" ... — — —
שטייט דאָוויד — און ס'האַרץ זיינס פּאָכעט
און דאָס פּאָנים גליט ווי א צוויק.

* * *

ס'האָט שאָלעמען שטענדיק געצויגן
אוועק אין דער ווייטער וועלט.
נאָר פארזיצט זיך אין שטייגל דער פויגל,
אָפט דרייסטקייט און מוט אים פעלט.

געפינצטערט אזא מין לעבן
האָבן הונדערטער אילוי'ס, ווי ער:
געהאַט האָט מען הויכע שטרעבונגען,
אָבער אויפטאָן איז גאָרנישט באַשערט.

געפאלן איז שאָלעם א קאָרבן
פון טאטנס שלימאזל און נויט...
נאָר באלד ווי ס'איז סענדער געשטאָרבן,
צעריסן האָט ער די קייט.

פארלאָזט די פאראומערטע סערקע,
דעם שמאלץ־גרוב און לעדער־זאַוואָד —
און אוועק אין דער ווייטער אמעריקע
איז דער בערשאַדער דאָן־קיכאָט.

ס'האָט בערשאַד די נייס, ווי א דונער
געטראָפן אינמיטן שוואַט.
איז סערקע א וויסטע אגונע
געבליבן אליין ווי א בלאַט.

געוועזן איז נאָך דאָוויד א יאטל,
נישט באנומען וואָס דאָ גייט אָן,
נאָר דאָס הארץ פארן אָרעמען טאַטן
האָט געשטשעמעט און ווי געטאָן.

ס'האָט בערשאַד געקאָכט און געראַשט זיך,
געפויקט, ווי א באַראַבאַן,
און סערקע געוויינט האָט, געסטראַשעט
צו וואַרפן זיך אונטערן באַן.

געוועזן איז איר גרויס דער ווייטיק,
באקלאָגט האָט זי אים, ווי א מעס,
פאַרקויפט דעם זאַוואָד און די קלייטן —
און ז'אוועק מיטן קינד קיין אָדעס.

4. אָדעס

א. יונגע יאָרן

און פרי האָט באַנומען דאַווּיד,
ווי א פריידיק־פּאַרקישעפטן נעס,
די וועלט, ווי אַ טרוים א מאַיאָווען,
און דער ליכטיקער שטאָט אָדעס.

געדיינקט האָט ער ווי אין כאָלעם
א טאָג, ווי צעגליטער קאַרמין,
אין פּאָרט די „פּאָטיאָמקין״־בעהאָלע,
דעם אויפשטאַנד פון נ י י נ צ ן־פ י נ ף.

און אין קינדישער וואַכער נעשאָמע
האָט געטויכט זיך, ווי דורך א שלאָף,
אן איבלדיק וואָרט „פּאָגראָמען״
און געשאָכטענע העלדזער, ווי שאָף.

ר׳האָט געדיינקט די צעפּליעסקעטע בוכטע,
דעם טורעם פון ווייסן מאַיאַק,
דעם גערוך פון פאַרלעגערטע פּרוכטן
אין פאַרפּלאָנטערטן גאַסן־זיגזאַג.

אקאַציעס ווייסע בליטן
און שמעקעדיק־יונגן בעז
און טעג ווי די ווײַנשל־בליטן
אין ווייניקן ברויז פון מעסלעס.

איז גוט אים צו כאַפּן טויבן
און זיי פּאָרן אין טויבנשלאַק,
און ציילן די שטערן, ווי טרויבן,
אין הימלס צעלעכערטן זאַק.

אף מעסלעסן פאַרפאַלן ווערן
מיט לאָבוסן יונגע, ווי ער,
און זוכן נאָך א רעגן ווערים
אין זומפּעדיק־פּייכטער ערד.

יונגע טעג, ווי די מושלען הודיען,
הייסע טרוימען און יוגנט־וואן:
ווינטער — אף „ד א ט ש ע פּ ר אָ ק ו ד י נ א״, 1)
און זומער — אפן „ג ר ו י ס ן פ אָ נ ט א ן״. 2)

1) ־ 2) — רעזאָרט־פּלעצער לעבן אָדעס.

ב. ער געדיינקט...

ברענען נעכט אף דער מאָלדאָוואַנקע, 1)
גליען טעג אפן „נאָווי־באַזאַר" 2)
און הייזעריק סקריפּן שאַרמאַנקעס
טאָג ווי נאַכט דעם אָדעסער באַלגאַר.

ער געדיינקט: אין בלויען פאַרנאַכטן
דעם באַלויכטענעם פּאָרט, ווי א נעס.
יענעם יאָר האָט די צאַרישע יאַכטע
די ברעגן באַזוכט פון אָדעס.

ער געדיינקט נאָך די פּאַנישע מוירע
פון צאַרישן יענעם באַזוך.
איבער הייזער — פון טויער צו טויער —
איז געקראָכן א ווילדער סלוך.

ס'האָט געהוליעט די „טשאָרנאיא סאָטניא" 3)
אף קאָסאַרקע 4) און אף טאָלטשאָק 5)
אין פאַרשטיקטן געשטאַנק פון „זוואָדניעס" 6)
פון אָוונט ביז פריען פאַרטאָג.

ער געדיינקט: ביי די אייזערנע טויערן
שפּעטע פּאָרלעך אין ליבע־צאַאר
אונטער טענער פון „אוירא־אוירא".7)
אונטער קלאַנגען פון „כאַ־צאַ־צאַ". 8)

ער געדיינקט: א צעשטערנטע סטעליע,
א טעאַטער אין צענטער פון שטאָט,
אף דער בינע שטייט יאַן קובעליק
און שפּילט, ווי א גריכישער גאָט.

ער געדיינקט: אף קאָלירטע שויבן
פלאַקערט שקיע — א גאָלדענע פּאָן,
און טעג, ווי צעפּליעסקעטע טויבן
אפן פּליאַזש פון לאַנזשעראָן. 9)

---

1) ־ 2) ־ 4) ־ 5) — שטאָט־טיילן פון אָדעס.
3) די שוואַרצע מייע. 6) שאַנד־הייזער.
7) ־ 8) פּאָפּולערע אָדעסער גאַסן־לידלעך.
9) דער יאַם־ברעג לעבן אָדעס.

ג. אין גימנאַזיע

פליסט די צייט, ווי אַ צאַרטע טפילע,
דאָוויד זוברעוועט פלייסיק לאַטיין,
און עס זופט זיין נעשאָמע ווירגילין,
ווי אַלטן כיאָסער ווײַן.

ער שלינגט מיט צעלויכטענע אויגן
יעדן צייכן און פּיראַמיד,
און עס שלאָגט זיך זיין קאָפּ, ווי א פויגל,
אָן סינוסעס פעסטן גראַניט.

נאָר אָפּטער מיט באַקן פאַרפּאַליעטע
און מיט זיג אין דעם אויגן־ברען
זיין מויעך פאַרשווינקט, ווי א כוואַליע,
דעם פעלדז פון ק אָ ע פ י צ ע נ ט.

ער וויקט אין א וועלט פון טיפן,
פון פלאַכן, פון קרייז און פון סקווער,
נאָר ער שפּירט אין די טרוקענע ציפערן
די האַרמאָניע פון אוניווערז.

ברויזן טעג אין א י ג ל י צ ק י׳ס גימנאַזיע,
ווי יונגער צעקלויצעטער מעד —
און עס בליט שוין אין דאָוויד׳ס פאַנטאַזיע
דאָס ערשטע געזאַנג פון פּאָעט.

די וועלט איז א קיילעך א רונדער,
ער — דער צענטער פון אוניווערז, —
און עס קוועלט אין אַנטפלעקטן וואונדער
פון אינגלישן האַרץ דער פערז.

א וועג צו דער וועלט פון יאָנטעוו
דורך לידער־געזאַנג ער זוכט,
נאָר אָפּטמאָל זיין האַרץ זיך פּלאָנטערט
אין זיגזאַגישן ווידערשפּרוך:

עס העלט, ווי א ליכט אין די רוימען,
דאָס לעבן — א סעמאַפאָר, —
נאָר עס זינקן די ליכטיקע טרוימען
אין גרויער אין העסלעכער וואָר.

ד. אַ גאָלדענער מעדאַל.

פון קינדוויַיז געביינקט האָט דאָוויד
נאָך ריטערלעכער העלדנטאַט,
געלעבט אין אַ בלוילעך־לילאָווער,
אין אַ וועלט פון ראָמאַנטישן טשאַד.

געבליט האָט זיין יוגנט, ווי קאַרשן,
אונטער הימלען מיט שטערן־זשאַר.
האָט דאָוויד פון טאַטן געיאַרשנט
די נעשאָמע פון אַ בונטאַר.

געיאַרשנט דעם איקער פון ביידן,
דעם טאַמצעס פון זייער גאָב:
די רויִע ענערגיע — פון זיידן,
פון טאַטן — דעם שאַרפן קאָפּ.

און ס׳איז אים אויף אייביק פאַרבליבן
דער שטאַמישער ווידערשפּרוך:
פון זיידן — די ליבע צום לעבן,
פון טאַטן — די ליבע צום בוך.

און סערקע האָט גאָט געבעטן
מיט אַ וויינענדיק־טכינע־קאָל:
— „ער זאָל כאָטש נישט זיין געראָטן
אין דעם טאַטן — דעם ווִיטראָפּאָל"!

געקוקט אפן זון מיט מוירע
און מיט שטאָלצער מיט מאַמישער פרייד...
(זי האָט שוין דאָס געלט פאַרלוירן,
זיך דערנערט פון אַ צעלניק־קלייט).

בליען יאָרן, געצייטיקט און בלענדיק,
אין פאַרביקן אינטערוואַל, —
האָט דאָוויד גימנאַזיע פאַרענדיקט
מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

קושט דאָוויד ביי סערקען די שאָרסטקע
די הענט, ווי געוואָלגערט גרעט —
און איז לערנען אוועק קיין מאָסקווע
אויף היסטאָרישן פאַקולטעט.

5. מאָסקווע.

א. וויטאַ נאָווא. 1)

זיי געגריסט, שטאָט פון גאָלדנע קופּאָלן,
סימפאָניע פון ווייס און פון גרין,
ס'וועט קיינמאָל נישט מיד ווערן צאָלן
דאָוויד'ס ביינקענדיק האַרץ דיר צינדז!

זיי געגריסט, דו — וויטא נאָווא
אין מאָסקווע, ווייס־שטייניקער שטאָט,
וואו באַשערט איז צו שטעלן דאָוויד'ן
דעם ערשטן געפליגלטן טראָט!

געשמעקט האָט מיט קימל און וואָכרע, 2)
מיט לאַדאַן, 3) מיט וואקס און ראזסאָל, 4)
געדופעט האָט מאָסקווע די סאָכרישע
אפן גרויזאמען גלאַנץ פון אמאָל.

געשמעקט האָט מיט פרישע זעמל,
מיט פערדפלייש, מיט הארבסט און מיט קרויט,
מיט דער פוילקייט פון כריזאַנטעמען,
מיטן קלאסישן רייאך פון טויט.

ס'איז די ערשטע פּאָר טעג געגאַנגען
ווי אַף שטאָליקן אייז דאָוויד בלאַנק
אונטער צויבער פון קלויסטער־קלאַנגען:
טילי־באָם... גלאָן־גלין... און גלין־גלאָן..

און מיט גאָלדענעם קלאַנג פון גלאָקן
האָט מאָסקווע צעברויזט זיין געמיט.
איז בייטאָג — איבער שטאָט אַף אוראָקן,
און ביינאַכט — אין די אָרעמס פון ליד.

ס'האָט דער וואוילטאָג ארום זיך געוועריטמט
און געהוליעט מיט זויף און מיט זעט,
נאָר געיערט האָט אין דאָוויד'ס געדערים,
ווי א יאָדער, דאָס וואָרט פון פּאָעט.

און די שטאָט מיט די צערקוועס, ווי צוויבל,
מיט מאַלינאָוון גלאָקנקלאַנג
איז מיט פּיין און מיט פרייד פאַרבליבן
אין נעשאָמע פון דאָוויד בלאַנק.

1) — ניי־לעבן. 2) געלער פּאַרב. 3) ווייררוך.
4) — יויך פון געזיירטע אוגערקעס.

ב. פוראַר.

איז לאַנגזאַם די צייט געפלאָסן,
ווי וואַסער דורך שטעקעלעך ראָר,
געווען איז אין זיך פאַרשלאָסן
דאָוויד בלאַנק דאָס ערשטע יאָר.

ער כאָלעמט אין טרוימען אין היציקע
ער קוקט אָפט אין שפּיגל אַף זיך,
ווי עס שפּיזלען זיך אויגן, ווי בליצן,
אַף זיין מאָגער, מאָנגאָליש געזיכט.

דאָוויד קעמפט מיט די היציקע טרוימען,
מיטן גלי פון זיין הייסער נאַטור
און ווי שוואָמען, ער שלינגט די זוימען,
די אויצרעס פון נייער קולטור.

און עס שיילט זיך פון טונקעלן נעבל
זיין קרעפטיגער אינדיוויד:
ריאיז פאַרליבט, ווי אַ הייד, אין לעבן
און פאַדווייקעט אין גאָט, ווי א איד.

יעדע שורע פון זיינע פּאָעמעס
איז פאַרנומען מיט זיך אַליין,
ער זוכט ערשט דעם לעבנס עמעס
און גריבלט זיך אין זיין געביין.

ס'איז ברויסאָוו זיין אָפּגאָט און רעבע,
זיין מאַדריך, זיין מעטר און גיד:
„ס'איז אַלץ בלויז א מיטל אין לעבן
פאַרן ליכטיקן וואוילקלאַנג פון ליד!" ——

ער פאַרנעמט אין פאַרשיקערטן ניכטער,
ווי דעם קלאַנג פון אַן אָוונט־גלאָק,
דאָס געליטערטע ליד פון דיכטער,
דאָס שנייאיקע ליד פון בלאָק:

„צום ציטער פון פּראָסטיקע שאַרפן
דיין נעשאָמע געוואוינט זאָל זיין,
אַז דאָ זאָל זי גאָרנישט באַדאַרפן,
ווען פון דאָרט וועט א פלייץ טאָן די שיין"

* * *

אין לעבן די גראָדסטע ליניע
פאַרקרימט זיך אַמאָל אױף זיגזאַג —
װעט נישט העלפן קײן שפּרונג און קײן טכינע,
װעט נישט העלפן קײן טײוול און מאַג.

דאָװיד בלאַנק איז מיט זיך נישט צופרידן.
ערשט אױף צװײטן סטודענטישן יאָר
האָבן דאָװיד'ס עקסטאַטישע לידער
אין מאָסקװע געמאַכט אַ פורור.

ס'איז שװער צו פאַרבלײבן ניכטער,
װען דאָס לעבן רײט אין גאַלאָפּ, —
האָט בײם יונגן, בײם בערשאַדער דיכטער
פון דערפאָלגן פאַרדרײט זיך דער קאָפּ.

ער דרוקט זײַנע לידער אין „ניװאַ",
אין „זשיזן" און אין „לעטאָפּיס" *
און ער קריגט שױן פאַרליבטע בריװעלעך
מיט פאַרטרוקנטע בלעטלעך אירים.

פליסן װאָכן, װי פרילינג־שטראָמען, .
פאַשן טעג זיך, — געקרײזלטע שאָף
האָט דאָװיד געביטן זײַן נאָמען
אויף דאַװיד אַלעקסאַנדראָװיטש יערשאָװ.

פאַרלאָזט זיך געקרײזלטע װאָנסן
און געװאָרן אַן אָפטער גאַסט
בײם זון פון דעם בעלגישן קאָנסול
אין זײַן קרײַזל „דער שטאָל פון פעגאַס"

אַלץ איז מעגלעך און אַלץ קען טרעפן! —
און יערשאָװ איז אַרײַן אין פּאַסאָן —
און ס'האָט זיך פאַר אים צעעפנט
אין מאָסקװע סאַלאָן נאָך סאַלאָן.

בליצן ליוסטרעס און ס'פּאַכן פעכערס
אין געװירבל פון פ א ד ע ס פ א ן —
און עס טרױמען שױן סאָכרישע טעכטער
פון דעם דיכטער און דאָן־זשואַן.

ג. פאַרמישפּעטער דאָר.

ס'האָט געבוירן נאָך ניינצן פינעף
די צייט א פאַרמישפּעטן דאָר:
א יוירעש פון ביטול און סינע,
א געוויקס פון שרעק און טעראָר.

ס'האָבן זיידעס געהורט און געהאַרגעט —
האָבן טאַטעס געיאַרשענט די זינד...
ס'האָבן טאַטעס געגעסן אַגרעסן —
האָט געאַליקט די ציין ביי די זין.

ס'איז די יוגנט געוועזן שוין א זאַקן
פון ערשטן, פון קינדישן שפּאַן, —
איז געוואַקסן א דאָר — אַן אַקער,
ווי סטעפּישער, ווילדער בוריאַן.

פאַרפּעסטעט מיט זנום האָט סאַנין
די הערצער פון יונגן דאָר, —
האָט געזוכט ער אין שוים פון נירוואַנאַ
צו פאַרגעסן די ביטערע וואָר.

ס'האָט רעאַקציע דאָס לעבן סקאַליטשעט,
האָט אין מויעך געגליט א געשוויר:
געוועזן איז דער וועגווייזער — ניטשע,
מאַקס שטירנער — דער העכסטער קומיר.

געהערשט איבער מויכעס האָט וויינינגער.
און געוועזן איז די אַלע יאָר
דער לאַנגווייל — דער גרויסזאַמסטער פּייניקער
פון יענעם פאַרמישפּעטן דאָר.

איז געוואַקסן דער דאָר א קריינקלאַכער,
און געוואָרן איז זיין דעוויז:
„ווער ווייס וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען,
„סיאיז דיינער דער היינט — געניס!"...

ס'האָבן טאַטעס פאַרשפּילט ניינצן־פינעף;
איז א פּאַניק באַפאַלן די זין —
און געשראָקן מיט גרויל און מיט סינע
האָט דער אַנקום פון יאָם־האַדין.

ד.   אין געראַנגל.

אין צווייפל, אין פיין און אין ערגערניש
געזוכט האָט זיין זעל א פאַרענטש, —
איז געוואָרן טאָלסטאָי׳ם „פאָטער סערגי״ —
ביי בלאַנקן דער מוסטער פון מענטש.

געוועז איז זיין זעל געקאָוועט
אין פענטעס פון זינדיקן טשאַד, —
האָט גרויזאַם געלויערט אף דאָוויד׳ן,
ווי א וואָלף אין דער נאַכט, דער שמאַד.

און געבאָלעמט האָט דאָוויד נישט איינמאָל
אוועק אין א מאָנאַסטיר
און היילן מיט גלויבן, ווי בוימאייל,
דעם צעברויזטן נעשאָמע־ווילקיר.

נאָר אין נעץ פון יערושע געפענטעט
און באַהעפט מיטן שטאַם, ווי א צווייג,
האָט ער — א געפאַנגענער לעמפערט —
געביסן די שטאַנגן פון שטייג.

נאָר פעסט זיינען אייזערנע שטאַנגן.
און ס׳האָט זיך אים אָפט געדוכט,
אז אין שווערן יערושע־געראַנגל
ווערט טיפער זיין זעלישער ברוך.

האָט ער ווידער געשפרייט זיינע לאַסקעס,
זיינע ליבעס, ווי קליינגעלט, צעשיינקט,
און געהאָפט אז דורך זיג און פיאַסקאָס
וועט דאָס האַרץ ווערן האַרט ווי שטיין.

ר׳האָט געבלאָנדזשעט אין אוילעם־האַטויאו
און אין קריינקלעך־צעברויזטן עקסטאַז
זיך געוואָרפן אין אָרעמס פון פרויען —
און געקניט אין דער שטיל פאַרן ספאַס. 1)

און אין העפקער פון ברודיקער ליבע
האָט דאָוויד זיך טאָג נאָך טאָג
אין מאָך פון נעשאָמע געגריבלט,
זיך געפרעגלט אין אייגענעם סאָק.

1) — יעזוס.

ב. געניאַ שאָר

. . . געבליצט האָבן פייליקע ברעמען
איבער אויגן, ווי גאָלדענער זשאַר.
און געברענט האָט איר בליק, ווי א דעמאָן
וואָלט געזויגן דאָס בלוט פון איר הארץ.

1. געניאַ שאָר.

אפן שיפּוי פון באַרגיקן דעמער,
צווישן פעלדער פון ווייץ און פּאפּשוי
ליגן שטעטלעך, ווי סטאַדעס לעמער,
געדעקטע מיט שינדלען און שטרוי.

און אין איינעם אַ שטעטל פלוינע
דערזען האָט די וועלט געניאַ שאָר:
מיט אויגן מיט גאָלדיק־ברוינע,
מיט רויטע צעפּלאָשעטע האָר.

פון דער באָד ביז דער ווייטסטער יעשיווע,
פון באָלטע און ביזקל מיר
האָט געקלונגען די גאַנצע סוויווע
מיט איר טאַטן, דעם גרויסן גוויר.

געהאַנדלט האָט ער מיט קאַבליעס,
מיט רוכוואַרג און כאַזערהאָר,
מ׳האָט גערופן אים מוליע ראַבליעס,
נאָר גֶעהייסן האָט ער מיילעך שאָר.

ס׳האָט פרי מיט צען פינגער מיט הוילע —
און איינגעשפּאַרט, ווי אַ ביק, —
צו מיסכער גענומען זיך מיילעך —
און ס׳האָט אים אָפּגעגליקט.

און שטאָלץ איז געווען מוליע ראַבליעס
מיט זיין ווייב און זיין איינציק קינד,
מיט זיין הויז — ווי א פולער שפּאַכליער,
מיט זיין הויף — ווי א פעטע רינד.

נאָר דאָס לעבן מאָנט אַ קאָרבן,
ווי דער וואוכער מאָנט זיין פּראָצענט —
איז דאָס ווייב ביי אים יונג געשטאָרבן
און געלאָזט מיט אַ קינד אַף די הענט.

* * *

איז רעב מיילעך אַריבער קיין בערשאַד,
זיך גענומען אַ יונגע פרוי —
און זיין האַנט האָט גענומען הערשן
איבער פּאָרעץ און איד און גאָי.

געוואָקסן איז איסקע אַף איסקע,
ווי זשאַבעס אין זומפּיקן טאָרף, —
און געשאָבן האָט ער, ווי ליסקעס,
פּראָצענטן פון שטעטל און דאָרף.

מיט דער צייט האָט דער אַלטער פּאָרעץ
פּאַרמאַשקנט באַ אים זיין „גיט",
דער גאָי — זיין לעצטן קאָרעץ,
דעם לעצטן לייכטער — דער איד.

האָבן יאָרן געשלעפּט זיך, ווי אָקסן
באַרג־אַרויף אין געפּענטעטן פּלען —
און ג ע נ י אַ איז אויסגעוואָקסן
אַ מיידל — אַ שאָלטיק, אַ ברען.

גליען רענדלאַך, ווי סאָף־כוידעש שטערן,
אין רעב מיילעכ'ס שערשאַווע הענט —
און אַף אַלע אַף זיינע קערענס
איז געניאַ דער שענסטער פּראָצענט.

ס'איז קיין דאַיגע שוין נישט מיט כאַסאַנים
פאַר אַ מויד מיט אַזאַמין שטעל —
שלאָגן אַלע געקרויינטע שאַדכאָנים
שיער נישט אָפּ רעב מיילעכ'ס שוועל.

נאָר איצט איז אַנאַנדער יוגנט,
און איצט איז אַנאַנדער צייט:
וואָס אַמאָל איז געווען אַ טוגנט, —
איז היינט נישט צו גאָט, נישט צו לייט!...

איז וואָס איז דאָס גרויסע וואונדער,
וואָס גניא קריגט אָפּט דעם „ספּלין", —
אַז יאַן — דעם אָקציזניק'ס זונדל —
וואַכט איבער איר, ווי אַ שפּין.

און טאַינעט: — „זי איז נאָך נישט קיין באָבע —
און הייראַטן איז קיינמאָל נישט שפּעט, —
אַז אַ מיידל — אַזאַ אָסאָבע —
דאַרף לערנען אין אוניווערזיטעט!"...

ס'וואָלט רעב מיילעך געווען שוין צופרידן
מיט עליע'ן, דעם זון פון פּאָטשטאַר, —
האָט אָבער דעם גווירס באַסיעכידע
קעגן טאַטן זיך איינגעשפּאַרט —

כאָטש טאַנץ און כאָטש שפּרינג ביז דער סטעליע,
כאָטש שלאָג זיך אָן וואַנט מיטן קאָפּ, —
זי וויל נישט דעם לאַנגן עליע'ן,
נאָר פּאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ:

— „נישקאָשע, פּאַפּאַ, רעסורסן
פאַראַן איז גענוג ביי אייך...
כ'וויל לערנען אַף „זשענסקי קורסן" —
און ווערן מיט לייטן גלייך!...

— „זאָגט אַליין: וואָס איז דאָ פּאַר אַ לעבן —
אַ מאַן מיט אַ צעלניק-קלייט?"... —
האָט רעב מיילעך זיך אונטערגעגעבן
זיין טאָכטער'ס „געבילדעטע" רייד.

וואָס וועט טאָקע דאָ זיין דער טאַכלעס
פון אַ מיידל — אַזאַ אַנטיק?...
האָט דער שטאָלצער מוליע ראַכליעס
קיין אָדעס זי לערנען געשיקט:

— „כ'בין נישט באָקי אין דיינע אָסאָקים, —
ווייסט אַליין ווי אַזוי און וואוהין, —
נאָר ווילסטו שוין לערנען אַף דאָקטאָר,
זאָל עס זיין כאָטש פון מעדיצין!" —

* * *

זיי געגריסט, שטאָט פון קרייציקע בריקן,
זיי געגריסט, פאַרשייטע אָדעס,
וואו עס שמעקן די גאַסן און ליקן
מיט אַקאַציע, מיט יאַם און מיט בעז!...

זיי געגריסט, דו אַלמאַ־מאַטער — 1)
נעם אריין אין דיין פריידיקן פלען:
געניא׳ס ערשטער ליבע־פלאַטער,
געניא׳ס ערשטן יוגנט־ברען!...

און איידער ס׳איז נאָך פאַרקלונגען
דער הילך פון איר שטעטלישן טראָט, —
האָט זיך געניא געוואָרפן פאַרהונגערט
אויף דער סודע פון גרויסער שטאָט.

און אז ס׳לעבט זיך אויף אַלעם גרייטן,
און עס פעלט נישט פון פויגלמילך, —
זענען טעג, ווי די לאָטוס־קווייטן
ביים גילדענעם ברעג פון ניל...

און אז מ׳וואוינט אין דער שענסטער אַכסאַניע,
און מע קליידט זיך „אַ־לאַ־פּאַריז", —
איז אַ ליאַדע סטודענטל — אַ סאַניע,
ווען ער פרעדיקט נאָר: „לעב און געניס!". —

און אז ס׳פעלט בלויז דעם הימלס טעלערל,
איז דאָס לעבן — אַ קנאַפּע זאָרג:
איז באַנאַכט מיט סטודענטן אויף בעלער,
און באַטאָג — מיט דאָקטוירים אין מאָרג...

ברויזט די יוגנט, ווי וויין פון אַ שטאָפּאָר,
רוישן טעג, ווי אַ קאַרניוואַל, —
אין ווינטער — טעאַטער און אָפּערא,
און זומער — אין בערשאַדער וואַלד.

---

1) — אוניווערזיטעט.

2. אף קאניקול.

יענעם יאָר האָט א הייסער זומער
געפּאַליעט אף הויף און אף גאַס, —
איז בלאַנק אף קאניקול געקומען
פון מאָסקווע קיין בערשאַד צו גאסט.

זיי געגריסט, דו — שטעטל פאַרגעסנס —
מיט די הילצערנע סטעזשקעס אין מאַרק,
מיט דער קלויז אין דעם פאַלגישן געסל,
מיטן קלויסטער אף קאַלביקן באַרג!

ווי ליב ס'איז נאָך מאָסקווער פאַנעלן
נאָך שטיינערנעם ברוק פון שטאָט
אף דער בלאָטיקער ערד צו שטעלן
דעם אָדלעריש־יונגן טראָט!

ווי ליב ס'איז אף שטעטלישע גאַסן
ארויסגיין אף ערשטן שפּאַציר,
ווען די קנעפּ, ווי די זונען, בליאַסקן
אראָפּ פון דעם בלויען מונדיר!

ס'וואָלט בלאַנק נישט גענומען קיין טיטול,
קיין קרוין פון די צאַרסקע קעפּ
פאַר זיין בלויען סטודענטישן היטל,
פאַר זיינע גינגאָלדענע קנעפּ.

געווען איז דאַן גרויס זיין ייכעס —
(כאָטש שטעל אים אף א פּעדעסטאַל!)
ס'האָט שוין דאַן זיינע רוסישע „סטיכעס"
געדרוקט א „סטאָליטשנע" זשורנאַל.

אין קלויז ביי די מיזרעך־סטענדערס
האָבן אידן געגאַפט מיט די הענט:
— „קוקט נאָר אָן, ווי דאָווידל סענדערס
איז קאַנאָרע געוואָרן א סטודענט!" —

ס'האָט דאָס שטעטל געפילט זיך וואַזשנע,
אים געהיט יעדן ווענד־און־קער:
—„מע זאָגט: ער וועט זיין א פּריסיאַזשנע",
אָדער גאָר א באַן־אינזשענער!" —

3. „פּאָטשטן".

דאָס שטעטל איז פול מיט טאָלקן,
מיט „פּאָטשטן" וואָס קומען פון באַן:
אַז אַ טייל פון צעקלאַפּטע פּאָלקן
איז דאָ לעצטן פאַרבייגעגאַן.

אַז סאָלדאַטן געדראָט האָבן העפטיק
אַוועקצואוואַרפן ס'געווער,
זיך אומקערן קריק אין די דערפער
און פאַרכאַפּן ביי פּריצים די ערד.

בלאַנק דערוויסט זיך, אַז העכערהאַלב שטעטל
איז אין פרילינג אַוועק אין „נאַבאָר",
אַז קומען וועט היי־יאָר שפּעטער
פון די קורסן געניא שאָר.

אַז זי איז אַן אָדעסער קורסיסטקע —
אַ מיידל — אַ שאַלטיק, אַ ברען, —
און אַז ס'מערט זיך איר טאַטנ'ס איסקע
און אַז ס'וואַקסט אויף איר נאַדן פּראָצענט.

אַז זי האָט שוין נישט איין פּראָפעסאָר
אין אָדעם פאַרדרייט דעם קאָפּ,
און אַז בלאַנק זאָל זיך היטן בעסער
פאַרן בלענד פון איר רויטן צאָפּ.

ווייל איר ליבע איז ווילד און קאַפּריזנע
און העפקער און פריי, ווי דער ווינט,
אַז זי האָט פון דעם זון פון אַקציזניק,
פון יאַנ'ען געבוירן אַ קינד.

אַז דאָס קינד — אַ מיידעלע — כאָוועט
אַ קאָרעוו אין אַ ווייטער שטאָט...
הערט אויס אַלע „פּאָטשטן" דאָוויד
און פריידיקער זינגט זיין טראָט.

בליצן טעג, ווי די גילדערנע ליסקעס,
און דאָס האַרץ מיט פאָרגעפיל ברענט:
וועט די רויטע אָדעסער קורסיסטקע
באַזיגן דעם מאָסקווער סטודענט?...

4. בערל גאַרבער.

געווען איז עס שאַבעס פאַרנאַכטצו,
ווייט־ארוף ביי דעם בראָווער'ס בריק.
בלאַנק האָט איינער אליין א פאַרטראַכטער
געשפּאַנט אהין און צוריק.

ס'האָט די שקיע געגויסעט פאַרביס,
ווי בלוטיקער אמאַראַנט,
און פּלוצים וואַקסט אוים בערל גאַרבער
און דערלאַנגט אים אַ רויטע האַנט.

געווען איז ער קרעפּטיק און קנאַכיק,
ווי א דעמבל א יונגס אין פעלד,
און געשמעקט האָט מיט לעדער מיט וואָכקע
פון אים — און מיט רויער פעל.

זיי זענען ווי שטומעביידע
אף א ווייל געבליבן שטיין:
— „כ'האָב דאָוויד, געוואָלט מיט דיר ריידן,
כאָטש ביזט איצט אזא וואַזשנער פאַרשוין...

— „דו טראָגסט אזא שיינע „פּריטשאָסטקע"
און א בלויען מונדיר מיט קנעפּ,
דו לערנסט אין סאמע מאָסקווע
און זעסט זיך מיט גרויסע קעפּ.

— „און מיר — קליינשטעטלישע באָכערים —
מע זויגט דאָ פון אונדז דעם סאָק:
מיר ארבעטן שווער אינדערוואָכן,
קומט שאבעס — איז דאָ א „קרוזשאָק".

— „צוויי זומערם און גאַנצע דריי ווינטערם,
יעדן שאַבעס ביינאַכט נאָך שפּאַציר,
מיט פען, מיט פּאַפּיר און מיט טינטער
קלייבט זיך בעווּרע צענויף ביי מיר.

— „צוערשט האָט אונדז מאָרדכע טרייטלס
געבראַכט סעראַפימאָוו'ס „בוקוואַר"
און פונקט ווי דער רעבע — מיט טייטל
געוויזן אונדז: זשאַר־פּאָזשאַר.

— „און שפּעטער האָט כאַיעם בערצעם
געלערנט מיט אונדז אַ זמאַן,
ביז געקומען צו אונדז איז אַהערצו
דעם אַקציזניק׳ס זונדל יאַן.

—„ס׳איז יאַן — אַ כלאָפּעץ־אַ סטאַטיק,
באַוויזן האָט ער אַ קונץ:
קירפּיטשניקאָוו׳ס גאַנצע גראַמאַטיק
אַדורכצוקריכן מיט אונדז.

—„ס׳האָט כעוורע געשוויצט און געציקלט זיך,
ווי מעשאָרערים, הויך אפן קאָל:
סקאַמעיקאַ... סונדוק... סושטשעסטוויטעלני, 1)
ראַבאָטאַט... פּאַכאַט — גלאַגאָל. 2)

— „אַזוי איז אַוועק דער זומער,
מיטן זומער איז יאַן אַוועק —
און שווער איז אונדז אויסגעקומען,
די פּאַריאָסעמטע יאַטן זעקס.

— „און איצט איז שוין ווידער זומער,
מיר וואַרטן אַ כוידעש — און מער,
נאָר הייאָר איז יאַן נישט געקומען
צו אונדז אף קאַניקול אַהער.

פלאַמען באַקן, ווי ציגל, ביי בערלען:
— „ס׳וועט באַלד שוין זיין אויס מיטן סראָק...
איז זוכט איצט אַ נייעם לערער
פאַרן זומער אונדזער „קרוזשאָק".

— „ס׳איז אַ שאָד אונדז די צייט צו פּאַטערן,
דער אָסיען קלאַפּט באַלד שוין אָן טיר, —
איז געבליבן ביי אונדזערע יאַטן
זיך ווענדן אצינד צו דיר" ... —

ס׳האָט בערל געוואָרט געדולדיק:
יעדער אויג — ווי אַ גליאַיקע קויל —
און אַ שמייכל אַ זים און אַ שולדיקס
האָט געבלאָנדזשעט אַרום זיין מויל:

1) — ביינקל, קאַסטן — סובסטאַנטיוו.
2) אַרבעטן, פּאַשן — ווערב.

— „איך האָף אז דו בלייבסט דעם זומער,
דעם גאַנצן אין היגן העק" ... —
האָט אים דאָוויד ארומגענומען
און אין שטעטל מיט אים אוועק.

זינט דאַן — יעדן שאבעס אָוונט
האָט באַלד נאָך איר „גאָט פון אווראָם"
בערל'ס מאַמע — די אַלטע סלאָווע
געצונדן דעם גרויסן לאָמפּ.

און ס'פלעגן זיך שטיל פארזאַמלען:
כאַיעם־שעפּסל, א יאַטל, א זניק,
מאָטל שור און דער הויכער זיאַמע,
יאָסל טרעלבאַך און זאַנוול ביק.

און נישט איינמאָל אינמיטן לערנען
פלעגט בלאַנק בלייבן שטיין פארגאַפט,
ווי עס גליען די אויגן בא בערלען
ביים שיין פונ'ם לאָמפּ מיט נאַפט.

און איינמאָל האָט בלאַנק אויף די טרעפּ מיט אים
זיך באַגעגנט ביי מאָטל שור.
ס'האָט בערל געלייענט א צעטרעפּעטע,
און אַלטע, פארגעלטע בראָשור.

האָבן אויגן צעבליט זיך בלענדיק,
און דאָס פּנים — רויט ווי א צוויק:
— „ס'איז נעכטן צו גאַסט געווען דאָ
א כאַווער פון טשעטשעלניק.

— „געדאַרפט האָט ער ווייטער פאָרן,
פארווײַלט האָט ער בלויז צוויי טעג,
געלאָזט דאָ א פּאָר בראָשורן
און זיך ווייטער אוועק זיין וועג.

— „איז דארף מען אויף שנעל באַווייזן
א נאָש טאָן כאָטש עפּעס אצינד
און ביינאַכט ביים געהיימען קרײַזל
דערקלערן די יאַטן דעם זין"... —

5. — „דאָקטוירים"

יעדן טאָג ברייגנגט די באַן פון מערבֿאקים
א נייעם, א פרישן סטודענט —
בליען פלאַמיקער מיידלישע באַקן,
גליען הייסער אינגלישע הענט.

קומען יונגן מיט גלאַנציקע שטיוול,
קומען מיידלעך מיט שטאָטישן שטעל —
און עס ציילט שוין דאָס שטעטל: וויפיל
עס וועט שיינקן „דאָקטוירים" דער וועלט...

סאַף טאַמעז ווערט פול דאָס שטעטל
מיט „דאָקטוירים" און מיט „מעדיצין" —
און עס וואַקסט ווי אַף הייוון דאָס צעטל
פון געבילדעטע טעכטער און זין.

און שאַבעס פאַרנאַכט, ווען עס ברענען
יונגע טריט אַף סטעזשקעס פון האַלץ, —
זיצן מאַמעס איבער צעענע־וואָרענעס
און קוקן זיי נאָך מיט שטאָלץ.

שטייען טאַטעס אַף קרומע פידאַשיקעס, 1)
שעפּן עמערם מיט נאַכעס און פרייד:
פון די זין מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס,
פון די טעכטער אין „פּאַרמענע קלייד".

און באַנאַכט, ווען לעוואַניקער דרימל
וויגט די לאָדקעס ביז פריאיקן שפּעט,
קלינגן הייסע פאַרביינקטע שטימען
אַפן טייך צווישן אָטשערעט.

און אין זילבערנעם הימלבעכער,
ווי געלייטערטער סטעלניק — קלאָר,
פליסט זאַפּטיקער, הייסער און העכער
די סאָפּראַנאָ פון ג ע נ י א ש אָ ר.

---

1) — גאַניקעס.

6. אין בערשאַדער וואַלד.

געוועזן איז עס יולי דער ערשטער
אין זומער פון זעכצנטן יאָר,
ווען בלאַנק האָט אין וואלד לעבן בערשאַד
זיך באַגעגנגט מיט געניא שאָר.

ס'האָט געראַוויכערט זיך בלויער דעמער,
ווי אַן אָפּפער אַף וואלדישן זוים,
און ס'האָבן געהויערט ווי לעמער
די שאָטנס פון בוש און פון בוים.

פאַרטיפט אין דעם וואַלדישן שוויַיגן,
האָט בלאַנק אַף א שטעג זיך פאַרדרייט, —
ווען ער האָט אין געפלעכט פון צוויַיגן
דערזען איר צעוויַיעט קלייד.

אַף די אַקסלען — א פויערשע כוסטקע, 1)
אין די האָר א פּאָר קרענצלעך פון דרען — 2)
און ס'האָט זיך א צוויַיגיק כליסטיקל 3)
געטריפּעט אין אירע הענט.

געוועזן איז דאָס וואַלדיקע שטעגל
מיט בושעס באַזוימט און שמאָל...
געקומען איז זי אים אנטקעגן
און זיך פלוצים צעלאַכט אַפן קאָל:

— „דאָס זייט איר דער פּאָעט פון מאָסקווע,
דער שטעטלישער דאָן־זשואַן? ...
וואָס־זשע שטייט איר אַף סטעזשקע, אַף ראָסיקער
פאַרשטיינערט, ווי א טשורבאַן? ... 4)

— „וואָס־זשע קוקן מיר אָן זיך, ווי הענער,
און ס'רירט זיך נישט קיינער פון אָרט? ... —
און די גאָלדענע אויגן ברענען,
ווי ביים וואַלד־שעד, ביי געניא שאָר...

---

1) — אַ טיכל. 2) — רויטע יאַגאָדעס.
3) — א בייטשל.
4) — אַ קלאָץ.

א ווייל איז ער שטום און קלאָציש
געשטאַנען ביים שטעג פאַרגאַפט...
נאָר געווען איז זיין ענטפער שקאָציש,
געווען איז זיין ענטפער שאַרף:

— „דאָס זייט איר — מיילעך שאָר'ס באַסיעבידע?
אוואדע... ווי דען? ... געהערט...
ס'דערציילן די היגע אידן
וועגן אייך דאָ גאַנצע בערג...

— „און אפילע די שטעטלישע קוימענעס
ווייזן אָן אף אייך — לוסטיק און ליב:
— אָט גייט זי — די בערשאַדער שלוימים,
דעם שטעטלס „ענפאַן טעריבל" ...

נאָר איידער ס'האָט דאָוויד פאַרענדיקט
זיין שקאָצישן צעפּאַלאָך, —
האָט איר כליסטיקל, בליציק און בלענדיס,
געטאָן איבער אים א פּאָך...

און געברענט האָט אין אויגן אין קאַסיקע
א ווילדער דעמאָנישער פלאַם, —
ווען זי האָט זיין פּאָנים געפּאַסעוועט
א בלוטיקן שראַם נאָך א שראַם...

געשמעקט האָט מיט וואַלדישע זאַפטן,
מיט סמאָלע, מיט הנאָי און מיט קרייטעך...
ער האָט זי אַ הייב אין דער לופטן
געטאָן, ווי א קינד א פאַרשייטס...

ס'האָט די שטילקייט געשאַלט און געזשומעט,
ווי א נימף — אף א וואַלדישער פלייט...
און עס האָט ווי א פּאָן פון בלומען
געווייעט איר וואַרעם קליד...

ס'האָט שוין מילכוועג צעשאָטן די זשמעניעס
פון זילבערנער שפּראַי אין דער נאַכט,
ווען ער האָט די פאַרכאַלעשטע געניא
צו א וואַלדיקער פוסטקע געבראַכט.

געשמעקט מיט יאַסמין האָט די פּוסטקע,
מיט ווילדגראָז — די צווייגיקע וועגט —
און געפלאַמט האָבן הערצער לוסטיקע,
פון טאַיווע פון ערשטער פאַרברענט.

ס׳האָבן ליפּן, ווי הייסע דראָטן,
געסאַרפּעט אין גלי פון באַגין —
און זיס איז געווען איר אָטעם,
ווי בלעטלעך פון טערפּקן יאַסמין.

* * *

ווער ווייסט נישט דעם טערפּקע טאַינעג
פון ליבעס ערשטן בים:
מיט טעג — ווי די מילגרוימען ווייניק,
מיט נעכט — ווי פלאָדן זיס! ...

ווער ווייסט נישט , ווי פריידיק זיך שטרעקן
צוויי הערצער אין ליבעס־וויי! ...
איז די פּוסטקע געוואָרן א מעקא
פאַר זיי — פאַר פּילגער צוויי...

און נישט איינמאָל האָט דאָרט געטראָפן
דאָס ראָזעווע אויג פון באַגין
צוויי לייבער פאַרשיקערט שלאָפן
אף סאַמעטן בעט פון יאַסמין.

געווען איז דאָס לעבן ס׳גאַנצע,
ווי בוימאייל אף וואַסער — קלאָר:
ס׳האָט געניאַ געציילט ד ר יי א ו ן צ וו א נ צ י ק,
און דאָוויד קוים נ יי נ צ ן יאָר.

איז געקומען דער הארבסט אין שטעטל
מיט ווינטן און בלעטערפאַל,
מיט גאָלד אף צעפּוילטע שטאַכעטן
מיט קופּער אף סטעזשקעס פון וואַלד.

אדיע, זומערנעכט, זילבער־ראָסיקע,
אדיע, איר — גינגאָלדענע טעג! —
ס׳איז צייט שוין צוריק קיין מאָסקווע...
שוין צייט זיך צו קלייבן אין וועג...

7. שיידונג.

געווען איז שוין אָנהויב אָקטיאָבער,
געשמעקט האָט מיט הנאָי און מיט טמין,
זענען נעכט געשטאַנען ראַבע,
און טעג — ווי געפּלעקטער בורשטין.

איז געקומען דער טאָג פון שיידונג,
איז געקומען די לעצטע נאַכט...
פון דער פּוסטקע געגאַנגעןביידע
זענען זיי איבער וואַלדיקן שליאַך.

געשמעקט האָט מיט פוילער שוואַרצערד,
מיט קיזיל און מיט פרישן היי...
געווען איז אים שווער אפן האַרצן
פון האַרבסטיקן ליבע־וויי.

און אַזוי אין געצערטלטן טרויער,
אין געפּייניקטן ליבע־ברויז
האָבן זיי זיך דערנענטערט צום טויער
פון איר טאַטנס ציגעלנעם הויז.

און פּלוצים האָט אין מויער צעבליצט זיך
אַ געדאַנק אַזאַ, שאַרף ווי שטאָל:
אַז אַזוינע, ווי געניא איז איצטער,
זעט ער עפּשער צום לעצטן מאָל...

און ס׳האָבן, ווי בליצן, די ווערטער
געשפּיזלט דאָס לייב פון דער נאַכט:
— „זיי מיין קאַלע, מיין ווייב, מיין באַשערטע
אפן שטיינערנעם לעבנסשליאַך!...

— „ס׳איז אומעט אַזויפיל געגעבן
אין אונדזער, אין היגן לאַנד, —
איז לאָמיר אַרויסגיין אין לעבן
צוזאַמען — האַנט אין האַנט!...

— „איך ווייס, ס׳וועלן האַרץ מיינס קריצן
הייסע שפּיזלען פון פּיין און פון שפּאָט, —
נאָר מיט דיר, לעבן דיר, מיין באַשיצערין,
וועט אָדלעריש זיין מיין טראָט”!... —

ז׳ז געשטאַנען איינגעבויגן
אונטער האַגל פון זיינע רייד —
און ס׳האָבן געבליצט אירע אויגן
מיט ליבע, מיט פיין און באשייד:

— „כ׳האָב געטרוימט פון מיין יונגט, מיין פריסטער
זיין געליבטע און קיינמאָל ווייב
און דערגרייכן דעם ראַנג פון פּריסטערין
אין טעמפּל פון באַפרייטן לייב...

— „און דו אין דיין ליבע, דיין בלינדער
ווילסט פאַרהאַקן פון טעמפּל די טיר:
הייראַטן!... און האָבן קינדער!...
ניין!... מויכל!... ס׳איז נישט פאַר מיר...

— „ס׳איז די ליבע פאַר מיר בלויז א ביסן,
פאַר מיר איז א מאַן בלויז א נאַש —
א זופּ — און אוועקגעשמיסן,
ווי אַן אויסגעטרונקענע פלאַש...

— „און דיר איז, מיין ליבער אינגל,
א ליכטיקער גורל באשערט...
איך גלויב: ס׳וועט דיין נאָמען קלינגען,
ווי א גלאָק איבער גאָר דער ערד..

—„ביזט נאָך יונג... נאָר איך שפּיר, ווי עס יערט שוין
דיין שעם איבער לענדער און שטעט.
ווער ווייס: עפשער וועט דיר באשערט זיין
ווערן רוסלאַנד׳ס גרעסטער פּאָעט?...

—„כ׳וואָלט גליקלעך געווען, ווען אַף ביידן
וואָלט געשיינט דיין מעטעאָר, —
נאָר איך בין א צעבאַלעוועט מיידל —
און בין נישט פאַר דיר קיין פּאָר...

— „מיין לעבן איז זיידענע שמאָכטעס
און א דימענטענער בראַסלעט...
איך בין א נעגידישע טאָכטער —
און דו — ביזט אַן אָרימער פּאָעט.

— „איז דעריבער, מיין נאַרישער באָכער,
דיין האַרץ פון פרויען היט,
אַז אין לעבנס, אין שטורמברעכן
זאָל די ליבע נישט שטערן דיין ליד...

— „דו ווייסט דאָך, וואָס פּושקין געשריבן
האָט אין ספּאַזמישן ליבע־ווייִ:
„וואָס ווייניקער פרויען מיר ליבן,
אַלץ מער געפעלן מיר זיי”!.

—„און ווילסטו ווען, דאָוויד, דערגרייכן
דעם פּאַרקישעפטן שטערן גויד, —
אויפן וועג צו די העכסטע הייכן
גיי אַליין — נישט זאַלבעצווייט!” —

געוואָלט האָט ער ראַכמים בעטן,
אַז אָן איר איז צום לעבן א סאַף...
נאָר ס'האָט זיך אויף גרויע שטאַכעטן
געטריפּעט זיין האַרץ, ווי אַן אויף...

ס'האָבן רעגעס געקלונגען ווי גאַנגען,
און ס'בלוט האָט געגליט ווי טשוהון —
און ס'איז, ווי זיין האַרץ, געהאָנגען
דער באַגין — א געשאָכטענע הון...

* * *

אויף מאָרגן האָט דאָוויד באַקומען
א בריוול אויף ראָז פּאַפּיר:
— „פאַרגעס דעם באַנאַכטיקן אומעט,
היינט אָוונט קום ווידער צו מיר”. —

נאָר ס'האַרץ איז געווען שוין צעשמעטערט,
ווי אויף שטיינערנע שפּיצן — א קרוג...
האָט ביינאַכט אים פון בלאָטיקן בערשאַד
שוין געטראָגן קיין מאָסקווע דער צוג...

און פאַרבליבן איז אויף אייביק דער זומער
מיט דער פּוסטקע אין בערשאַדער וואַלד,
ווי דער טאַם פון א רויז אויפן גומען,
ווי אויף ליפּן — א טראָפּן גאַל...

8. דעבאָש.

ס'איז דאָווידן קיין מאָסקווע געקומען
אין אָנהייב פון לערניאָר:
צו פאַרגעסן דעם בערשאַדער זומער,
צו פאַרגעסן געניאַ שאָר.

געווען איז דאָס לעבן צעבראָכן,
ווי צווייגן פון הארבסטיקן קוסט,
האָט ער זיינע טעג און וואָכן
פאַרברענט אין דעבאָש און אין לוסט.

ס'האָט געניא'ס געשטאַלט, ווי וואנזין,
די ליכטיקע שיין אים פאַרשטעלט.
נישט געקאָנט האָט ער דעמאָלט איינזען
וואָס עס טוט זיך אַרום אַף דער וועלט.

ס'האָט די בראַנדיקע ביינקשאַפט נאָך געניא'ן
געספאַרפעט אין דאָוויד'ס האַרץ, —
האָט ער אָפט מיט סעריאָזשאַ יעסענינען
געהוליעט אַף טווערסקאָי בולוואַר.

נאַכט נאָך נאַכט אין פאַרדעכטיקע שיינקן
אין קאָמפּאַניע פון הור און אַלפאָנס,
דעם אומעט געזוכט צו פאַרשווייגן
מיט ביליקן סאַמאָהאָן.

פאַר נאַפּקעס געלייענט האָט מען לידער,
ביים ציטער פון מאַנדאָלין,
געמישט ניוול־פּע מיט ווידוי
און טרערן — מיט קאָקאַאין.

אַף אַן אַלטער, צעלעכצטער עסטראַדע
זינגט אַ הייזעריקע עטואַל:
— «Ваши пальцы пахнут ладаном,
А в ресницах спит печаль».

און דער טויט רייט אין שטאָלענער קאַסקע
אַף קלאָווישן פון פּאַרטעפּיאַן:
— «Я устал от белил и румян
И от вечной трагической сказки».

* * *

און אָפּט, ווען אַף שנייאיקע טיזלן
האָט געגויסעט דער שטאָט־ווירוואר,
איז גוט זיך געווען צו פאַרהוליען
מיט ציגיינער אין מאָסקווער, „יאר“: 1)

ציגיינער ליד

„זאָלן פינקלען אין בעכערס די ליקערן,
זאָלן דרינדזשען גיטאַרעס זאַכט, — ....
אין מיין מארך דיינע אויגן די שיקערע
ברענען העל, ווי א טרייפע ביינאַכט...

זאָל זיין דו האָסט ליב גאָר אנאַנדערן,
זאָל זיין דו וועסט מאָרגן אוועק, —
נאָר היינט ביזטו מיינע, קאסאנדרע,
איז מאָרגן — כאַטש שפּיי די קלעק!...

ווי קאָן מען צאמען דעם לעבנס יאמען?
ווי קאָן מען אויסלעשן די פּיין?
הארץ מיינס, שטילער... פּילער... פּילער....
פּילט די בעכערס אָן מיט וויין...

ס'איז שוין שפּעט... און די ליכטער צאנקן
אַף די שויבן אין בלוי פון באַגין.
ביי א טישל א יונגע ציגאַנקע
שטאַרט מיט אויגן הייס, ווי קין.

— שפּיל, קאסאנדרע, אַף סטרוניקער ציטרע,
גיס אַף טישטעכער העפּקערן וויין,
שפּיל אוים מיר מיין דאָליע מיין ביטערע
און צעווייע מיין אומעט און פּיין!...

— פּלאַצט, סטרונעס, ווי מידע נערוועז,
און נערוון, ווי סטרונעס, פּלאַצט!...
ס'האָט אזא־אָ, ווי דו — א סטערווע —
צעטראָטן מיין גלויביק הארץ!...

— «Была у нас одна малина —
И та засыпалася... Ах!»

— אָ, אומעט פון קאַלטן באַגינען
נאָך א הייסער דעלירישער נאַכט!

1) — אַ באַרימטע קאַבאַרע אין צאַרישער מאָסקווע.

ג׳ געוויטער

געוועז איז דאָס האַרץ צעשפּליטערט —
א געפּלאַצטער באַראַבאַן —
האָט דאָוויד אין רויש פון געוויטער
דעם צייכן דערזען אף דער וואַנט.

1. געוויטער.

געוועז איז עס הארבסט נייַנצן־זעכצן,
אפן דריטן יאָר פון קריג:
נישט געוואגט האָט קיין זאָקן צו קרעכצן,
קיין קינד נישט צו וויינען אין וויג.

געוועז איז א שלאַכטהויז אייראָפּע,
א צעפּולוועטער ארסענאַל,
און געוועז איז די וועלט פאַרטאָפּיעט
אין בלוט און אין האס ביזן האַלדז.

געקעמפט צווישן זיך האָבן טראָגנען
א געראַנגל אף טויט צי רויט,
און כאַיעש געפרעסן קאָרבאָנעס
האָט דער קריג — דער גרויסער טויט.

פאַרזונקען אין זנוס און אין גאַדלעס,
אַנטוישט אין דער קרעציקער וואָר, —
האָט געפוילט, ווי א פערדישע פּאַדלע,
דער שלויער פאַרמישפּעטער דאָר.

אין שלאַקרירוקן הילך פון הארמאַטן, —
אַנטוישט און פאַרצווייפלט און בלינד, —
געוואָלט האָט דער דאָר זיך ראַטעווען
פאַרן אָנקום פון יאָם האַדין.

געלעבט האָט אָן טאָך און אָן נוצן
א דאָר — א פאַרשטונקן איי —
איז געקומען די רעוואָלוציע
און געזאָגט צו דעם דאָר: — פאַרגיי!״—

2. דער צייכן אַף דער וואַנט.

געבייגקט האָט דאָס פאָלק נאָך פרידן —
און געקראָגן נאַגאַיקעס און שמיץ.
האָבן דערפער געברענט מיט מערידע,
און שטעט — אין אויפשטאַנד־היץ,

אַף ליינג און אַף ברייט פון ראסייע
האָט בלוטיק געהערשט דער זשאַנדאַר, —
נאָר ס'האָט שוין א שטורעם — זאווייע
געטרייסלט דעם טראָן פון צאַר.

דורך צײַנקריץ, דורך פּיין און יעסורים,
דורך פּאַכעד און עלנט און נויט
איז געקומען די ליכטיקע בסורע:
דער „סטאַרעץ" ראַספּוטין איז טויט.

און אין הערצער, צעבלוטיקט פון סינע,
און אַף ליפּן, צעפּינעט פון גאַל,
האָט פון אָנהייב ביז עק מעדינע
די בסורע זיך העל צעשטראַלט.

ס'האָט דאַן שוין אַף סכאָדקעס געהיימע
פון „סטודענטישן מאָסקווער קרוזשאָק"
נישט איינמאָל געקלונגן, נישט איינמאָל
דאָווידס קאָל ווי א פרילינג־גלאָק.

נישט געאָנט נאָך : פּאַרוואָס און פאַר וועמען?
(נישט געלייענט נאָך ביי מארקס'ן קיין בלאַט)
נאָר געשפּירט, אז דער קאָרענער עמעס
איז ביי דעם, וואָס עסט נישט צוזאַט...

געשוימט האָבן צוואַנציק פרילינגס,
ווי מעד, אין זיין אינגליש האַרץ —
האָט צעברויזט זיך אין אים דער צווילינג
פון דיכטער און פון בונטאַר.

געוועזן איז דאָס האַרץ צעשפּליטערט —
א געפּלאַצטער באַראַבאַן —
האָט דאָוויד אין רויש פון געוויטער
דעם צייכן דערזען אַף דער וואַנט.

3. פעוורא.

געקומען איז ניינצן־זיבעצן
מיט אויפשטאַנד, מיט בלוט אַף שניי —
נישט די צייט איצט פאר ליבע־זיפצן,
נישט די צייט איצט פאר ליבע־ווײ.

ווי א פערדל א נאַראַוויסטע,
וואָס רייסט זיך פון שטאַל אין סטעפּ, —
האָט פעווראַל זיך צעבויטעט ביסטרע
איבער יונגע צעפּלאָקערטע קעפּ.

און מיט הענט פון א יונגן גיבער
האָט צעברויזט זיך דער ווינטיקער מארט
און פון רוסישן טראָן פאַרטריבן
דעם בלוטיקן רוסישן צאַר.

יענעם יאָר האָט א פרילינג א שפּעטער
אין באַפרייטן לאַנד געברויזט —
האָבן גרינער געגרינט די בלעטער,
האָט זיך העכער געהויבן דער פויסט.

און פון פּאַלאַץ ביז לעצטער כאַלופּע,
פון מאָסקווע ביז וויטסטן העק
האָט די ערד, ווי א קאַלע צו'ר כופּע,
נאָך קיינמאָל אזוי נישט געשמעקט.

איז קערענסקי געקומען צערייטן,
ווי א העלד אַף א ווייסן פערד,
זיך צעשאָטן מיט רייד, ווי קוויטן,
זיך צעפּאָכעט מיט הילצערנעם שווערד.

אַף ליינג און אַף ברייט פון מעדינע
פון פרי ביזקל שפּעטסטן שפּעט
האָבן מענטשן מיט ליפּן פאַרפּינעטע
גערעדט און גערעדט און גערעדט...

אין אָקאָפּעס, אַף פראָנטן, אין טילן,
פון דער לעצטער ביז העכסטער ריי,
האָבן צינגער געמאָלן, ווי מילן,
נישט קיין מעל — נאָר ראָזעווע רייד.

און געהערשט האָט אין לאַנד אין צעברויזטן
אזא טומל און קאַוואַרדאַק, 1)
ווי ס׳וואָלט דאָרט צעביילט אירע פויסטן
א ווייב, אן ארורע, א שלאַק.

איז מאמעש כאָטש שפּרינגג פון זינען,
פון טומל אין דאָרף און אין שטאָט, —
ווי ס׳וואָלט פּלוצים געפּלאַצט א שינע
אף דער ערדס אף געפּאַנצערטן ראָד.

לויפן זעלנער פון פראָנטן צעבראַסטעטע,
ווער צופוס, ווער אף באַן, ווער אף פערד:
—„גענוג שוין געפּאָכטן — באַסטאַ!״—
—„דערלאַנג אונדז אהער די ערד!״—

ווי שווער ס׳איז צו בלייבן ניכטער
ווען דאָס לעבן ברויזט, ווי ווייַן, —
נאָך שווערער —פון ליבע א דיכטער,
ווען ס׳פינעט דער האַס — צו זיין!

האָט די וואונד פון זיין ערשטער ליבע,
געפּלאַצט, ווי א ראָסטיקע רער —
האָט זיך דאָוויד אין קאָרפּוס פארשריבן
צו לערנען פאר אפיצער.

און היים איז געווען זיין גלויבן
און זינגעווריק־יונג זיין טראָט, —
ווי דאָס פּליעסקן פון טירטלטויבן
אין פּאַרטאָגיקן פרילינג־סאָד.

נישט געוואוסט האָט נאָך קיינער דעמאָלט
און ס׳האָט קיינער נאָך דאַן נישט געאָנט
אַז באַלד וועט אף צאַרסקן קרעמל
פלאַטערן די רויטע פאָן.

---

1) א גרויסע מעהומע.

4. אָקטיאַבר.

אַף געפליגלטע רעשטאָוואַניעס
קריכט באַגין דורך שפּרונעס פון נאַכט, —
האָט דער פויער — דער עווער קנאַאני —
פון זיין קלעפּיקן שלאָף דערוואַכט.

האָט ער מעכטיק זיך אויסגעצויגן
אין א גענעץ פון עק ביז עק —
און די זון האָט די קלעפּיקע אויגן,
ווי א קעצל, אים אויסגעלעקט.

און דערזען האָט ער מאַיסים הארבע:
ווי מיט מעכטיקן ריזנקלאַפּ
האָט אין פּיטיער 1) זיין ברודער — דער אַרבעטער
ביי די גווירים די מאַכט פאַרכאַפּט.

און פאַרנומען די רייד וואָס ברענען,
ווי רויטער, צעגליטער צוויק,
די ווערטער פון כאוועך לענין,
דעם פויערישן באָלשעוויק:

—„האָסט שטאָלענע פויסטן און לאַפּעס,
האָסט פּלייצעס — א ריזנקלעם —
זעסט גיטער און פעלדער — פאַרכאַפּ עס,
זעסט דערפער און שטעט —פאַרנעם!״.. . —

איז אים ריכטיק געפעלן דער אייסעק...
— „וואָס דען - ער וועט בלייבן שטיין?...
אז ל ע נ י ן הייסט נעמען — וויים ער,
מיסטאָם איז ער פון אונדזער ביין!...

— „גענוג זיי צו הוליען — א מאַקע!
צום טייוול מיטן פּאָריץ און צאַר!...
ס'איז איצטער דער אַרבעטער — טאַקעף!
ס'איז איצטער דער פויער — האַר!״...

---

1) — פּעטראָגראַד.

5. אין דער רויטער גוואַרדיע.

גע‌פּלאַצט האָבן הימלען פון „נידער!”
און געהילכט האָט די ערד פון „עס לעב!”
און מיט בונט און מיט שטרייט און מיט לידער
געברויזט האָבן יונגע קעפּ.

און אוועק איז א בלוטיקע סעדרע
פון פינלאַנד און ביז גורזוף, — 1)
ווי געפּלאַצט וואָלט דער כוט־האשעדרע
פון רוסלאַנד׳ס געפּענטעטן גוף.

און אין שווערן און אסטמישן צוקן
מיט קייך און מיט הוסט און מיט קרעל
האָט דאָס לאַנד, ווי א א כוילע מעסוקן,
זיך געוואָרפן אין היץ און אין קעלט.

איז געקומען א רוף א הייסער
אין שטעטל, אין דאָרף, אין פאַבריק:
— „ווער ס׳איז קעגן דעם פּאָרעץ און קייסער, —
זאָל זיך מעלדן צום באָלשעוויק!” —

ס׳האָט דאָוויד געוואָלט פאַרהיילן
אין שטורעם פון הייסן געפּעכט
די בערשאַדער וואונדן, די הוילע,
די מאָסקווער שלאַקריריקע נעכט.

האָט דער רוף אים געוועקט צו באַזינען,
ווייל פון קינדוויז געברויזט האָט זיין הארץ
מיט טערפּקער, מיט גאַליקער סינע
צום נאָגיד, פּראָצענטניק און האר.

געוועזן איז זיין לעבן צעלאָמעט,
ווי א דעמבל א יונגס — פון בוראַן, — 2)
האָט ער, ווי אַן אָגער אין כאָמוט,
אין שינעל זיך איינגעשפּאַנט.

און ארויס אויף רעוואָלט און אויף העפּקער
מיט די קאָרענע זאַנגגן־זיין
פון צעקלויצעטן עק־־וועלט ביז עק־וועלט
צינדן א נייעם באַגין.

---

1) — אין דאָרעם קרים. 2) — שטורעמווינט.

ד. אַפֿן בראָכשטול

... אין אנגסטן, אין שווייס און אין צאַפּל
ביים שוועל צו איר ליכטיקער וואָר
אַפֿן בראָכשטול פון צייט האָט געמאַפּלט
אוקראַינע איר בלוטיקן בכאָר.

3. באַטקאַ אַנגעל. 1)

איבער שטעטעלעך קראַקן קאַניעס, 2)
קריכט באַגין איבער גאַס און הויז —
און עס וויקלען אים זיבן ניאַניעס
פון נאַכטיקן שלומער אַרויס.

איבער בלאָטיקן פּאַלגישן געסל 3)
איז פאַרפּאַליעט די זון און ברענט,
ווי אַ קינדיש צעשמיסן געזעסל
אַף דער מוטערס ברודיקע הענט.

קראַקן קאַניעס און גלעקער קלינגען,
פּאָכן קאָסעס און ס'שווינגן העק —
און עס לויפט איבער שטעטל, ווי רינגען
איבער בוזעם פון טייך — די שרעק.

און עס טראָגט זיך די שוואַרצע בשורה
פון בוידעם — ביז קעלער און ליאָך: 4)
—„ערשט שאַבעס אַוועק איז פּעטליורא —
קומט אַנגעל שוין איפּדעוואָך!״ —

און נאָך איידער מע האָט זיך אָכאַיעט
פון בלוטיקן לעצטן געראָט, —
ווי אַ ווילדע, צעיושעטע כאַיע,
איז אַנגעל אַריין אין שטאָט.

---

1) — אַן אוקראַינער פּאָגראָמשטשיק.
2) — וואָראָנעס. ראָבן.
3) — שניידער־געסל.
4) — טיפער קעלער.

צאַקן פערד אַף ווייטע מאַהאָלעס,
שלאָגט אין הערצער זיך אַפּ יעדער קלאַפּ.
האָט זיך אנגעל פאַרשפאַרט אין וואָלאָסט[1]
מיט זיין גאַנצן, זיין ראַצכישן־שטאַב.

צוויי טעג איז דאָס שטעטל געלעגן
און געפיבערט פון בוידעם ביז ליאַך:
וואָס ליינגער ס׳האָט וואָלאָסט געשוויגן,
געשפירט האָט מען נענטער דעם בראָך...

אינדערפרי האָבן צוויי היידאַמאַקעס
מיט גלאַטע געגאָלטע קעפּ
אַף פלויטן, אַף ווענט און אַף פּניאַקעס
געדרוקטע „וואָזוואַניעס״ [2] צעקלעפּט:

—„ס׳האָט אייך זשידעס, פאַרשמעקט רעוואָלוציעס,
טראַצקי׳ס בילד אַף דער רויטער פאָן, —
וועט איר צאָלן דערפאַר קאָנטריבוציע —
צאַרסקע רובלס א גאַנצן מיליאָן.

—„נעמט צוזאמען אלע ווינטאָווקעס,
טויזנט כאָלעס און צען פעסער וויין,
און דריי פון שענצטע זשידאָווקעס —
שיקט אריין מיר אין שטאַב נאָך היינט״...—

4. אן אסיפע.

איז אַף שנעל באַשטימט אן אסיפע,
נישט געוואָרט - נאָר געהאַנדלט געשווינד!
און פון בוידימער, קעלערס און טיפן
שטראָמען אידן מיט ווייב און מיט קינד.

שטייען אידן ביי מוליע ראבלים
אין ליאַך צווישן פעסער ביר:
—„וואָס וועט זיין?... וואָס וועט זיין דער טאַכלעס?...
ס׳האָט אומגליק דאָך אויך א שיער!...״ —

---

1) — שטעטלישע רעגירונגס־הויז.

2) אויפרופן.

היבט זיך אויף רעב קיווע נאָטעס,
א כאַלעש — אַ איד, א באַל־מום,
און גלאָצט אף די האָרביקע שאָטנס
אין טונקעלן קעלער ארום:

„ס'איז נישט אונדזער ערשטע גזירע,
ס'איז נישט אונדזער לעצטע פּיין —
דאַרף מען שיקן דעם בלוטיקן צוירער
טויזנט כאַלעס און צען פעסער וויין.

—„און וואָס איז דאָ שאַיעך צו ריידן:
אונדזער האַרץ איז מיט צאָרעס זאַט —
עס געדיינקן נאָך אונדזערע זיידעס
די גזירעס פון טאַך און טאַט.

— „ס'איז פריש נאָך דער בלוטיקער יאָנטעוו,
ס'ליגט דער טויט נאָך אף יעדן שוועל:
אונדזער הויט האָט געשונדן גאָנטע,
אונדזער בלוט האָט געגאָסן כמעל.

— „ס'וועט קאוויאָכל, [illegible] דער הימלישער וועכטער,
אונדז נישט לאָזן אליין אין קלעם...
ווי קען ער דריי אידישע טעכטער
לאָזן גיין אף קידעש האַשעם?"...—

קלאָגן ווייבער אין שרעק און אין שוידער
און רייסן אף זיך די האָר —
און פול איז מיט פּיין ביזן בוידעם
דאָס הויז פון מיילעך שאָר.

און פּלוצים — אין ברויזיקן צאַפּל
כאַפּט זיך געניאַ אַראָפּ פון א פאַס —
און עס ברענען ביי איר די שווארצאַפּלען
מיט ווייטיק, מיט עקל און האַס:

— „וואָס רייסט איר ביי גאָט די פּאָלעס
מיט פולע, צעשטשערבעטע ציין?...
וואָס ווייַנט איר? ... כ'וועל גיין אין וואָלאָסט,
א י ך — ג ע נ י אַ... א יי נ ע א ל יי ן!"...

5. בעדלאם. 1)

פייפט דער ווינט מיט געבריל פון זאוויסיעס,
און די נאַכט קלינגט אין הימל „נאַבאַט”, 2)
ווי דאָס פינצטערע, טעמנע געוויסן
ביי דעם, וואָס באגייט פאַרראַט.

ליגט דאָס שטעטל — אַ שטיל בייסהאקוואָרעם —
און באַלעמט דעם טויט אַף דער וואָר.
איבער בלאָטיקע, וויסטע אָבאָרעס 3)
גאַנוועט זיך געניא שאָר.

ס'איז שטיל... בלויז אַף וויטע מאָהאָלעס 4)
בילט אַ דאָרפישער הונט אַפן ציעפּ...
און עס לייכטן די פענצטער אין וואָלאָסט,
ווי שייטערס אין הארבסטיקן סטעפּ.

רימפּלען קאָבזעס און ס'פּייפן דודעס, 5)
טאַנצן טשאָבאָטעס 6) — היים און פאַרשייט —
און עס פּראַווען אַ נאַכטיקע סודע
באַטקאָ אַנגעלס צעיושעטע לייט.

ס'שמעקט מיט שוויס און מיט וויין און מיט היפּע,
מיט פּאָלאָווע, מיט דיאָכט און מיט קוואס
און אין הערצער פאַרשטיינערטע שיפּעט
גרינע יוכע פון שלאַנגישן האס.

אויבנאָן, צווישן שיקערע קלאַנגן
מיט אַ שראַמיקן פּאָנים אין שוויס
זיצט דער בלוטיקער באַטקאָ אַנגעל
מיט אַ קאָפּ, ווי אַ קירבעס די גרייס.

גלאַנצן ליפּן, ווי גליטשיקע פּיווקעס, 7)
קייכן אויגן — גרין ווי גאַל: —
„פּאָבאַטשים יאַקי הארני דיווקי —
נאַם פּאָדאַריט בערשאַדסקי קאַהאַל!” ... — 8)

---

1) — מעשוגאָים־הויז. 2) — נאַיגעוואַלט.
3) — הויפן. 4) — דאָרפישע גאַסן.
5) — שפּיל־אינסטרומענטן. 6) — שטיוול.

און דער שווערט און דער קנוט און דער שאַמפּאַל 9)
וואַרטן גרייט אַף דער בלוטיקער וואַך —
און עס לעכערן בליציקע לאַמפּן,
ווי שפּיזן, דאָס לייב פון דער נאַכט...

און פּלוצים — א צוק און א צאַפּל —
און עס גליווערן באַקן בלאַס.
נעמען טאַנצן אין טויטשרעק שוואַרצאַפּלען:
„אַ, יעזוס, דו הייליקער ספּאַס!"—

ווי מאַריע אין אַ גאָלדענער ריזע,
פאַרוויקלט אין קרעפּ און אין זייד,
אפן שוועל האָט זיך געניאַ באַוויזן
מיט א פּאָנעם — ווייס ווי קרייד.

בלייבן זיצן פאַרגאַפט די אריילים
אין שטומען, אין שיקערן פּלען —
און עס הייבן אליין זיך צום ציילעמען
פאַרלוירענע ראָצכישע הענט.

שפּרינגען אויגן אין שיקערע ווירבלס,
שטוינט און ציטערט אין שרעק בעדלאַם —
און אַף אַנגעלס צווייקעפּיקן קירבעס
האָט זיך רויטער צעגליט דער שראַם.

און אריבער די פּענימער לוסטיקע
זעט געניאַ דורך ברודיקע ווענט:
ניינצן־זעכצן... די וואַלדיקע פּוסטקע...
און דאָוויד — דער מאָסקווער סטודענט...

און אף בראָכשטול פון שוויים און פּאַלאָווע
האָט צעקרימט זיך פון וויטיק איר ליפּ:
— „אָ, דאָוויד, וואו ביזטו איצט, דאָוויד?
פאַרגיב מיר מיין זינד, פאַרגיב!" —

ד) — פּיאַוואַקעס.
8) — לאָמיר זען וואָס פאַראַ שיינע מיידלעך עס וועט אונדז שיינקען דער בערשאַדער קאָהאָל.
9) — טייל פון ביקס.

4. נעקאָמע.

וויינט די האַרבסטיקע נאַכט און סקאַוואָטשעט,
ווי אַף קייטן אַ סוואָרע הינט,
און דער זומפּיקער שעד באַלעמוטשעט,
שטעקט די ראָזעווע צונג צום באַגין.

אין פירהויז, אין שפּאַכליער, אין שאָפּע, — 1)
מיט די מיילער צעפּראַלט צום באַגין, —
באַזויפּט און פאַרמאַטערט כראָפּן
אוקראַינעם פאַרשייטע זין.

ס'שפּראָצט אַף טאָג... און דער פריער גערעגנגל
פון דיווינקלען די שאָטנס טרייבט...
און מיד איז שוין באַטקאָ אַנגעל
פון גנעניא'ס פאַרפּייניקט לייב...

הייבט גנעניא זיך אויף פון געלעגער,
קוקט מיט עקל ארום —און זעט:
ווי א שטומער, געשוואָלענער פייגער,
ליגט דער צוירער אַף ברודיקן בעט.

ברענען אויגן, ווי בליציקע שפּאַלטן,
פון הינטער איר מאַמישער שאַל —
און עס בלאַנקט אין איר האַנט דער קאַלטער,
אַטאַמאַנישער, קרומער קינזשאַל...

שטאַרט דער צוירער, מיט אויגן פאַרלאָפּענע
אַף גנעניא'ס פאַרבלוטיקטע הענט...
און עס שאַרט זיך צום פענצטער צום אָפענעם
איר גוף פּאַזע ברודיקע ווענט.

און אַרוים פון פאַרפעסטעטן וואָלאָסט,
פאַרהילט אין איר מאַמישער שאַל —
און מיט גויאישע שטילע מאָהאָלעם
אוועק צו דעם באַלטער וואָקזאַל...

און בעריישעסדיק, אייביק און הילכיק
האָט געקלונגען די שטילקייט אַף דר'ערד,
ווען דער זילבערנער בעזים פון מילכוועג
האָט דעם סליאַד פון איר טראָט פאַרקערט...

1) — שאָפּע — א פּלאַץ פאַר בעהיימעס.

.5 „רויטע״

יענעם טאָג האָבן אַנגעלם היצעלם
פון שטעטל געמאַכט א טעל:
נישט געשווינט נישט קיין גרייז, נישט קיין פּיצל,
נישט געהיפּערט קיין טיר און קיין שוועל.

ס׳האָט די נייס ערשט די נאָנטע וואָקזאַלן
דערגרייכט אפן דריטן טאָג, —
זענען רויטע דעם וואָלאָסט באפאלן
און די ראָצכים פון שטאָט פאַריאָגט.

אינדערפרי איבער שטעטלישער בלאָטע —
מיט אָכץ און מיט קרעכץ און מיט וויי —
האָבן אידן זיך ארויסגעשאָטן
צו באַגעגענען די רויטע ארמיי.

שפּאַנען יאטן אין ווינט און אין שטויבן,
גליען יאטן, ווי הייסער מאָן, —
און עס פלאַטערט, ווי פליעסק פון טויבן,
איבער קעפּ די רויטע פאָן.

עך, דו, עפּעלע,
רויטע בעקעלעך, —
גיט א קלעם די ריכע לייט
ביי די עקעלעך!...

עך, דו, סאָניעשניק, 1)
הייסע יאָדערלעך,
ביי דעם גאלעך און בורזשוי
טרענט די אָדערלעך!..

עך, דו, ביקסעלע,
נישט פארזשאַווערטע, —
רייניק אוים די אַלטע וועלט
די פאַרגאַווערטע!...

עך, דו, קראַנקע וועלט,
אלטע קעלעווטע, —
ס׳האָט געשלאָגן שוין די שאָ
דיר די צוועלפטע!...

1) — קערלעך.

* * *

אין א לעדערן רעקל אָן ארבל,
אין דער פעדערשטער ריי — אויבנאָן
רייט שטייענדיק בערל גארבער —
אין די הענט — א צעווינטיקטע פאָן.

און אף גרויען פארשוויצטן אָגער,
ווי קוועקזילבער — פליסיק און פלינק —
פליט שעפּסל — א יאַטל א מאָגערס,
מיט אויגן, צעגליט ווי קין.

מיט א שווארץ־קוטשעראַווע בערדל,
מיט א פּאָנים — רויט ווי א צוויק —
אף א קוצע קאזאצקע פערדל
הוידעט זיך זאנוול ביק.

און פונונטן, ווי לאנגע שאָטנס,
מיט „ליענטעס" ‏‏‏‎ ‎)‏ ארומגעגורט
אף א וואָגן מיט צוויי פּוליעמיאָטן —
יאָסל טרעלבאַך און מאָטל שור.

און דורך נעכטיקן גרויל און פאַכער
און דורך היינטיקער העלער פרייד
זעען אידן: אין א גרויער פּאַפּאַכע
גניא שאָר — צווישן זיי.

און מיט אויגן פון פרייד צעבליטע,
און מיט אָרעמס, ווי דעמבעס, שטאַרק,
איז בערל אריינגעריטן
אין סאַמע אינמיטן מארק:

— „וואָס שווייגט איר אין בלוטיקן פלאָנטער,
אין אומקום, אין פאַכער, אין טויט,
ווען נישט איינער, נאָר הונדערטער גאַנטעס
שינדן פון אייך די הויט?...

— „גענוג שוין צו פויזן און קריכן,
ווי ווערים אף גליטשיקן שטיין...
— גענוג שוין געוואַרט אף מאָשיאַכ'ן —
מאָשיאַך זענט איר אליין!...

— „געגוג שוין מיט הייליקן רויעך,
מיט ייכעס און גייסט זיך געגרויסט, —
הייבט אויף קעגן קאַט און רויצייאַך
א שווערן, געפּאַנצערטן פויסט.

— „ס׳ברענט די וועלט איצט אין פלאַם און אין **פייער,**
פלאַקערט העל, ווי א רויטער צוויק, —
ס׳איז אַלעם געקומען באַפרייען
לענין — דער באָלשעוויק.״ —

6. מייסים.

ווער קאָן טרייסטן און ווער פארהיילן
די וואונדן פון לעצטן בראָך?...
ווי הייבט מען גאָר אָן צו ציילן
די מייסים פון בוידעם און לאָך?...

שטייט געניאַ און טיילט צווישן יאַטן
שוואַרצע לאַבנס קאָרנברויט.
פלוצים הערט זי: מע האָט איר טאַטן
געפונען אין קעלער טויט...

נישט געוויינט האָט זי, נישט געבליפּעט,
נישט געפאַלן צום מעם אף דער ערד...
בלויז א צוק און א קרום מיט די ליפּן —
און א וויש פון די וויעם א טרער...

ס׳איז איצטער איין לעבן ווייניק
און די טעג מיט די נעכט צו קאַרג —
נישט די צייט איצט צו קלאָגן און וויינען:
וואָס ס׳איז טויט — איז ארונטער פון מארק...

אין א ריזיקן קופערנעם שטייסל
שטויסט אַלעמען איצט די צייט:
זאָלן מייסים באַגראָבן די מייסים —
די פאַרבליבענע — היידא אין שטרייט!...

7. דער רויטער נאטשדיוו. 1)

בליצן וואכן, ווי שארפן פון פיקעס,
יעדער טאג — א צעגליטער קין —
און עס שלאגן זיך היים באלשעוויקעס
קעגן „ווייס", קעגן „געל" און „גרין".

ברוין הערצער מיט בלוט און מיט יאנטעוו,
ווי א טאג איז אוועק א יאר —
און אף אלע געפערלעכע פראנטן
הארודעוועט גניא שאר.

קריכן נעבט, ווי די בלינדע סאוועס,
פליען טעג, ווי די פלעדערמייז, —
איז ביי גניא'ן דאס הארץ געקאוועט
אין א פאנצער פון שטאל און אייז.

פייקלען שטורעמס אף הערצער פון ריזן,
ווי כוואליעס אף שטיין פון ריף,
איז שוין גניא פון צענטער דיוויזיע
דער אייזערנער רויטער נאטשדיוו.

און נישט איינמאל געווען איז א מעלדונג
אין באריכטן פון רויטן שטאב,
אז זי שלאגט זיך אף פראנטן העלדיש,
אז זי האט נישט איין פאלק שוין צעקלאפט,

אז איר פולווער שמעקט דעניקין,
אז איר קויל פארזוכט קאלטשאק,
און מיט אייגענע הענט — ווי צוויקן,
וויים-גווארדייאישע קעפ זי האקט.

אז זי יאגט נאך פעטליורא'ס היצעלס
אן שפיץ פון צען טויזנט מאן,
אז זי פלינדערט קאזאצקע סטאניצעס
אפן דאן און אף קובאן.

אז עס נישטערט נישט איין ווינטאווקע
און עס זוכט נישט איין שטיוול מיט שפאר:
דעם קאפ פון דער רויטער זשידאווקע,
דאס הארץ פון גניא שאר.

1) - נאטשאלניק פון א דיוויזיע אין דער רויטער ארמיי.

ה׳ פראָנטן

...פליען טעג — און אין פלאם האָריזאָנטן,
פליען טעג — צעפּלאָשעטע פערד —
און עס פלאַקערן הייסע פראָנטן
ביי די ראַנדן פון ר. ס. פ. ס. ר.

1. פראָנטן.

איבער רוסלאַנד׳ס צעלאָמעטע גריבער,
איבער האָרביקן שליאַך פון וועג
האָט דער מילשטיין פון שטרייט צעריבן
דאָוויד׳ס יונגע צעקלויצעטע טעג.

—„אדיע, דעקאדענטישע בארדן,
און מאנירלעכער מאָסקווער סאלאָן!״ —
דאָוויד קעמפּט אין דער רויטער גוואַרדיע
אפן וויטן צאַריצינער פראָנט.

ברענען טעג אין געשטאַלטן, אין טראָציקן,
אין זודיקן, הייסן טראָט —
ס׳איז דאָוויד פאַרגלויבט אין טראָצקי׳ן,
ווי זיין זיידע, לעהאַוודעל, אין גאָט.

איבער ברייטן און קווערן און ליינגן
פון צעלעכצטער פאַרבלוטיקטער ערד —
אין סוינע׳ס געשטאָלטער אבצווייגנגע
איז פאַרקלעמט ר. ס. פ. ס. ר.

איבער לעבנס פאַרשפּילטע, צעלעכצטע
טראַמפּלט טראָט פון דער רויטער ארמיי...
נישט די צייט איצט פאר ליבע קרעכצן,
נישט די צייט איצט פאר ליבע־וויי!...

און אין העפקער, אין בלוטיקן פּלאָנטער
דורך טיפוס און לייז און קעלט
שפּירט דאָוויד דעם ליכטיקן אָנקום
פון א נייער געלייטערטער וועלט.

2. אין שלאַכט.

איז געקומען א נאַכט ביי צאַריצין,
איז געקומען א פּראַסטיקע נאַכט, —
האָט צעברענט זיך, שלאַקרידיק און היציק,
מיט דעניקינ׳ס ארמייען א שלאַכט.

ס׳האָט זיך סוינע צעשטעלט אף קורגאַנען
מיט ביקס, פּוליעמיאָט און קאַנאָן
און די רויטע, די פּאַרטיזאַנער
באַגעגנט מיט קוילן, ווי מאָן.

זיבן טעג האָט געדויערט די בוינע
אין ביקס־און־קאַנאָנען-כאָר —
געוועזן איז צערייצט דער סוינע,
געשפּירט — ס׳איז די לעצטע קאָרט.

לעשן טעג זיך און זונען צאַנקן
און עס מערט זיך דעם סוינעס פאַרלוסט
אַפן זיבעטן טאָג האָט מען בלאַנק׳ן
ביי צאַריצין פאַרוואונדעט אַ פּוס.

ס׳האָבן קוילן געהאַוועט, ווי קלאָווים,
געשטשירעט די בלייערנע ציין —
אף דער נאַכט אף דער אַכטער איז דאָוויד
געבליבן אין פעלד אליין.

צווישן פּראָסטיקע, דראָטיקע שטעכערס
שטייען ביימער אין שנייאיקן צוויט,
און אין הימלישן בלויען בעכער,
ווי א וואונד, די לעוואָנע גליט.

טאַנצט דער טויט, ווי א שיקער, און הוליעט
צווישן כאָרכל און גסיסע־פּיין...
יענע נאַכט האָט זיך דאָוויד פּריטוליעט
צום נאַגאַן ¹) — צו זיין איינציקן פריינט.

גליען שטערן, ווי בלייערנע קאַרשן,
און עס רויכערט זיך בלויער קורגאַן...
יענע נאַכט האָט געשלאָסן א כאַווערשאַפט
דאָוויד בלאַנק מיט זיין נאַגאַן.

3. אין לאַזאַרעט.

גליען שקיעדיק־רויט האָריזאָנטן,
גליען צונטער מעסלעס נאָך מעסלעס.
פון הייסע, צעווינטיקטע פראָנטן
האָט מען בלאַנקן געבראַכט קיין אָדעס.

ס'שמעקט מיט וואונדפלייש, מיט יאָד און מיט פלעסטער,
מיט קאַמפער, מיט שוויים און קאַרבאָל.
און עס פּאָדען די קראַנקענשוועסטער
ארום זעלנער אין שטאָט־שפּיטאָל.

ס'איז אָוונט... די שטערן צאַנקן.
קריכן שאָטנס, ווי קעץ, אויף די ווענט.
אויפן הויף א פאַרביינקטע טאַליאַנקע 1)
דרינדזשעט אין זעלנערשע הענט.

אויפן בעט לייענט א כאַווער פון ראָטע:
—„אין דריטן אָקטיאַבר־יוביליי
האָט טראָצקי געמאַכט א „סמאָטר" 2)
דער זיגרייכער רויטער ארמיי.

— „געפירט דעם פאַראַד ביים קרעמל...
ווי גאָלד האָט געקלונגען זיין וואָרט"... —
דאָוויד בלאַנק הערט די העלדישע נעמען —
און פּלוצים — געניא שאָר...

ער רייסט פון די הענט די צייטונג...
עס פיבערן בליקן ווילד...
און ער זעט: צעווינטיקט פון שטרייטן,
איר ליכטיק און איינציק בילד.

מיט פייער אין אויגן אין שקאָצישע
שטייט געניא אויבנאָן —
און עס היינגט אויף איר ברוסט אָן טראָצקי
דעם צייכן פון דער רויטער פאָן.

---

1) האַרמאָניקע.

2) — אַ פאַראַד פון דער אַרמיי.

קלאַפּט דער זעלנער זיין פּלייצע גוט־ברידעריש
און פינטלט מיט אַן אייגל — בלאַט:
—„ווי געפעלט דיר — ס'איז לעוו דאַווירײַאַוויטש
גאָרנישט קיין נאַרישער יאַט"...

* * *

און שפּעטער מיט צוויי־דריי מאָנאַט
איז געקומען א פריידיקער סלוך:
— עס גרייט זיך פון זיגרייכע פראָנטן
טראָצקי צו זיי אַף באַזוך.

לויפן שאָען אין פרייד און גריזאָטע —
איז אין וואַרטן אַוועק א טאָג —
ערשט פאַרנאַכט האָט א פייף פון אָטאָ
זיין קומען זיי אָנגעזאָגט.

פינקלען אויגן, ווי פונקיקע קראַטערס,
שפּרינגען הערצער אין פריידיקן וואַן —
און עס הילכט איבער זיבן פּאַלאַטעס
טראָצקי'ס טאַנצנדיק־גיכער שפּאַן.

ס'איז שטיל... בלויז הערצער שאַלן
צווישן ווייסע, געקאַלעכטע ווענט,
ווען טראָצקי צעטיילט מעדאַלן
מיט צאַרטע, מיט מיידלישע הענט.

הינטער אים, ווי א ליכטיקער שאָטן,
מיט א גרויסן מאַלינאָווע באַנט,
ווינט זיך נאָך, ווי א רייטער אין זאָטל,
געניא שאָר — זיין אַדיוטאַנט.

און שאַרף אין די מויכעס קריצט זיך
טראָצקי'ס וואָרט, ווי א כאַלעף — בלאַנק:
— „די העלדן אין שלאַכט ביי צאַריצין
א כאַוועדשן, רויטן דאַנק!...

— „מיר שטייען אינמיטן געראַנגל,
מוז וואָך זיין אין הענט דאָס געווער...
עס קלייבט נייע באַנדעס ווראַנגעל
און דראָט דעם ר. ס. פ. ס. ר."... —

און פּלוצים — ביי דאָווידס בעטל,
ווי דאָס ליכט פון א מעטעאָר, —
צוויי אויגן, וואס בריען און גלעטן,
די אויגן פון געניאַ שאָר...

ס'האָט א הארץ צו א הארץ זיך געצויגן
און ליפּן צו ליפּן גענענט —
און ס'האָבן אין קרייז פון אויגן
געוויגט זיך די קאַלכיקע ווענט...

ס'האָט געדויערט נישט לאנג די סאַקאַנע:
א רעגע, צי צוויי — נישט מער —
און ס'האָט זיין צעווייטיקט פּאָנים
צו דער וואַנט זיך אָפּגעקערט.

האָט געניאַ זיך איבערגעבויגן
איבער אים אין געפּלעפּטן צאַר:
—„ס'האָבן עפשער געלאַיגט דיינע אויגן,
נאָר עס קאָן מיר נישט לאַיגן דיין הארץ"... —

און מיט פּיין האָט איר קאָל געציטערט
אף ליפּן, ווי פּארמעט, בלאס:
— „אָ, דאָוויד, דיין ליבע איז ביטערער
ווי די גאַל פון מיין העפקערן האס!"

ס'האָט דאָוויד ווי דורך א נעבל
געהערט איר צעווייטיקט קאָל:
„איך האָף, אז די שוים פון לעבן
וועט פארשווינקן דיין פעלזיקן שטאָלץ!" —

ס'האָבן ווערטער, ווי פלאַמיקע צונגען,
אים געברענט און געהויבן פון אָרט, —
נאָר ס'האָט אין זיין אויער געקלונגען
טראָצקי'ס היים און געפליגלט וואָרט:

— „מיר שטייען אינמיטן געראַנגל, —
מוז וואך זיין אין הענט דאָס געווער...
עס קלייבט נייע באנדעס ווראנגל
און דראָט דעם ר. ס. פ. ס. ר." —

4. בערל קאָמיסאַר.

וואָיען טעג, ווי ווינטן מאַרצאָווע,
אין אָדעסער לאַזאַרעט
און בלאַנק ליגט נאָך אַליץ געקאָוועט
מיט צעשעדיקטן פוס אין בעט.

ס׳שמעקט מיט קאַנפער, מיט יאָד און מיט פלעסטער,
מיט קאַרבאָל און צעאײַטערטן בינד.
שאַרט אַרײַן זיך די קראַנקנשוועסטער:
— „עס פרעגט אױף אײַך כאָווער מינץ"... —

ס׳קלינגט איר קאָל, ווי א זילבערן־גלעקל...
זעט דאָוויד: אױף שטײנערנער שוועל —
בערל גאַרבער — אין א לעדערן רעקל,
אונטער אָרעם —א ברוינער פּאָרטפעל.

הייבט זיך בלאַנק אױף די עלנבויגנס:
א געזיכט, א צעשמיסנס פון ווינט...
בלויז די אויגן... דיזעלבע אויגן
ברענען הײס, ווי צעגליטער קין.

און בערל צערעדט זיך דער ערשטער:
דאָוויד שלינגט יעדן וואָרט, ווי א שוואָם:
— „איך קום לעצטע וואָך פון בערשאַד
אױף א שליכעס פון אונדזער רעווקאָם.

— „מיר שטייען צוויי יאָר אין גערענגל:
מיט טיוטיוניק, אָרעל און קראַסנאָוו
מיט די ראָצכים פון באַטקאָ אַנגעל,
מיט די באַנדעס פון באַטקאָ מאַכנאָ.

— „געקעמפט האָבן מיר נישקאָשע
אין די דערפער, אין וואַלד און אױף שליאַך...
אין די לעצטע דריי־פיר כאָדאָשים
האָט באַפעסטיקט זיך אונדזער מאַכט.

— „איך קען אַלע דאָרפישע וועגן —
פון בערשאַד און ביזקל באַר —
האָט באַשטימט מיך אױף גאַנצער געגנט
דער רעווקאָם אַלס שפּייז־קאָמיסאַר.

—„מיר האָבן געיאַרשנט ראַזרוכע,
צעפּויל און צעפאַל און צעשטער,
נאָר מיר בויען אַן ארבעט־מעלוכע
אַף א זעקסטל פון גאָר דער ערד.

— „מיר שטייען מיט ליב און מיט לעבן
אין דער מיט פון א קאַטאַקליזם, — 1)
נאָר געטריי און איבערגעגעבן
מיר בויען דעם סאָציאַליזם!...

— „ס'איז צום נעכטן נישטאָ קיין צוריקקער, —
דאָס ווייסט שוין א קינד אין וויג...
מיר בויען דעם היינט... נאָר דעריקער
מיר בויען צום מאָרגן א בריק!...

—„מיר האָבן פאַרזייט שוין די זאָמען...
(און ס'טויכט אוף א פלעמל אין בליק) —
זאָל זיך ענדיקן נאָר די מילכאָמע,
זאָל אוועק נאָר דער בירגער־קריג.

— „מיר וועלן אזוינס דאָ צעוויקלען,
אז גאַפן וועט גאָר די וועלט —
נישט אומזיסט האָבן מיר — באָלשעוויקעס
אונדזער לעבן אין קאָן געשטעלט.

— „נאָר קוים וועט די ווייסע קלאָפּטע
אונדז דראָען מיט נייעם געפאַר, —
נעמט ווידער אין האנט די ווינטאָווקע 2)
בערל מינץ — דער שפּייז־קאָמיסאַר.

—„איז אין איין האנט פאַרקוועטשט די ווינטאָווקע,
מיט דער צווייטער פאַרגרייטן מיר שפּייז...
האָט אהער מיך אַף קאָמאַנדיראָווקע 3)
געשיקט דער רעווקאָם פון קרייז.

— „פאַרזאמלונגן... רעדעס... געשפּרעכן
ביז שפּעט אינדערנאַכט... מיטאמאָל
כ'דערוויס פון א כאווער זיך נעכטן:
דו ליגסט קראַנק אין א היגן שפּיטאָל.

---

1) — פאַרפלייצונג, מאבל.
2) — ביקס.
3) — מיליטערישע שליכעס.

— „איז וואָס איז דאָ שאַיעך צו ברייען:
כ׳בין אווּדע צופרידן צו זען,
אַז דו קעמפּסט אין אונדזערע רייען,
דו — דאָוויד — אַן אינטעליגענט!...

— „כ׳האָב געהערט, אַז אין היץ פון שטרייטן
ביזט געקראָכן אין סאַמע פלאַם,
נאָר לאַנג ווּעסטו דאַרפן נאָך לייטערן
זיך אַליין פון דיין אייגענעם שטאַם.

—„דו ווייסט דאָך, ווי איך, אווּדע:
ס׳האָט מיט וואָרט און מיט טאַט און מיט פען
נישט איינמאָל שוין אונדז פאַרראַטן
דער וואַקלדיקער אינטעליגענט.

— „נ׳אַז מע רעדט שוין פון אינטעליגענטן,
איז קעדאַי צו פאַרלירן א וואָרט
וועגן מיילעך, דעם רייכן פּראַצענטניק׳ס
באַסיעכידע, געניאַ שאָר.

—„איך געדיינק: נאָך פּאַר צוויי־יאָרן זומער
פאַרהילט אין א טערקישן שאַל,
איז געניאַ צו אונדז געקומען
א בלאַסע אויף באַלטער וואָקזאַל.

—„ס׳האָט אונדזער אָטריאַד לעם פעסטשאַנקע
יענע וואָך געהאַלטן וואַך.
געגומען האָט זי א בערדאַנקע 1)
און מיט יאַטן אוועק אין שלאַכט.

— „מיר זענען אריין קיין בערשאַד
און געטראָפן א כורבן דאָרט,
פאַרנומען די שטאָט פון די ערשטע
געווען איז געניאַ שאָר.

— „ס׳האָט מיר שפּעטער דערציילט יאָסל קראַטקאָ:
ז׳האָט מיט אנגלען א נאַכט פאַרבראַכט...
און שפּעטער דעם בלוטיקן באַטקאָ
געקוילעט אין יענער נאַכט.

1) — ביקס.

— „זי איז שפּעטער פון אונדז אנטרונען,
מיט א שליכעס אין שטאַב אוועק.
דערנאָך האָב איך אויסגעפונען,
אז זי פלאַסטערט פאַר זיך א וועג...

— „געהאט האָב איך שפּעטער גריסן,
און אפילע געקראָגן א בריוו,
אז זי איז פון דער צענטער דיוויזיע
געוואָרן דער רויטער נאַטשדיוו.

— „און אנומלט האָב איך אומגערן
זיך געטראָפן מיט איר אין באַטום:
ארום איר — די שטאַב־אָפיצערן,
ווי בינען ארום א בלום.

— „זי האָט אפן שטעל דערקאָנט מיך
און פון פרייד אזש געגעבן א צוק:
זי פאָרט איצט ארום איבער פראָנטן
מיט טראָצקי׳ן אין פאַנצערצוג.

— „כ׳וועל דיר זאָגן דעם עמעס, דאָוויד,
כ׳וואָלט אזוינע קיינמאָל נישט געטרויט:
זיי צינדן זיך אָן ווי פּאַלאָווע,
ברענען אוים ווי א גראָשן־קנויט.

— „ס׳דאַרף שטענדיק אף פייגל אזוינע
האלטן אן אויג די פאַרטיי:
היינט קעמפט זי מיט אונדז קעגן סוינע,
מאָרגן פליט זי אריבער צו זיי...

— „נאָר וואָס האָב איך דאָ זיך צעדארשנט
גאָר פּלוצים פון געניאַ שאָר?...
מיר האָבן אויך זי געיאַרשנט
צוזאמען מיטן אלטן דאָר.

—„עס האָבן אין קלעם זיך פאַרמאָסטן
צוויי קלאסן — ווי וועלטן צוויי,
נאָר אין קרעמל שטייט פעסט אף איר פּאָסטן
אונדזער פירער — די קאָמפּאַרטיי״ —

פלאַמען באַקן, ווי וויינריב־שטאַנגן,
גליען אויגן אין העלן עקסטאַז:
— „מיר קעמפן דעם לעצטן געראַנגל,
מיר שטרייטן איצט קלאַס קעגן קלאַס!

— „ס'איז פאַר ביידע, פאַר פיינטלאַכע קלאַסן
קיין פּלאַץ נישטאָ ביים פאַרענטש...
מיר בויען א נייע ראַסע,
דעם קלאַס פון באַפרייטן מענטש!"... —

האָבן זיי זיך ארומגענומען
אין באַנייטער כאַווערשאַפט...
ס'האָט א ווייע געטאָן דער זומער
אין בערשאַד ביים לאָמפּ מיט נאַפט...

די אַלטע, פאַרגעלטע בראָשורן...
די הייסע, די יאַטישע קעפּ...
בערלס ווערטער ביי מאָטל שור'ן
אין ליק אף די סקריפּיקע טרעפּ...

דאָס קרומע, צעהויקערטע הייזל...
ס'האָט אפּאָנים, זיך אויסגעפּיקט
אָט פון יענעם געהיימען קרייזל
בערל גאַרבער — דער באָלשעוויק!...

פלאַמען באַקן און אויגן בליצן:
— „נו! דאָוויד, אַדיע! זיי־געזונט!...
און זע — ווּעסט ארויס פון באָלניצע, 1)
קום אף „פּאָפּראַווקע" 2) צו אונדז!"... —

ר'האָט נאָכגעקוקט לאַנג בערל גאַרבער,
אָנגעשפּאַרט אָן פאַרענטש:
— „יאָ, ס'וועט בוי'ן די מעלוכע פון ארבעט
בערל גאַרבער — דער נייער מענטש!"... —

---

1) — שפּיטאָל.
2) — פאַרריכטן סיגעזונט.

5. עוואַקואַציע.

קלאַגן ווינטן, ווי בייזע פּירזאָגערס,
צינדן הימלען אין רויטן קומאַטש:
שפּאַנט פּעטליורא פון סטאַנציע בירזולע,
שפּאַנט דעניקין פון סטאַנציע באַכמאַטש

יאָגן סאָנים פון ברייטן און לייגגען.
נאָך אַ טאָג און נאָך אַ מעסלעס —
אין אַ בלוטיקער, פּעסטער אבצווייגגע
זענען רויטע פאַרקלעמט אין אָדעם.

און ביינאַכט, ווי אַ קאַמצן אַ גייציקער
ציילט זיין גאָלד אין פאַרהוילענעם גראָט, —
באַטאַפּן פראַנצויזישע קרייצערס
מיט פינגער פון טויט — די שטאָט.

יאָגן בסורעס — און ס'וואַקסט די בעהאָלע
פון גאַסן אף שוועל און אף טיר:
— „הייבט זיך אוף — און פאַרלאָזט די שפּיטאָלן,
כאַוויירים, עוואַקואירט!"... —

פליען ווערטער, ווי בליצן ווי קאַלטע,
איבער פּראָסטיקן האָריזאָנט:
— „ווער עס קאָן, זאָל זיך אויסבאַהאַלטן,
זאָל זיך ראַטעווען ווער עס קאָן!"... —

פליען ווערטער, ווי מעסערס ווי בלאַנקע:
— „כאַוויירים, צעשפּרייט זיך אין שטאָט —
ווער — אין געסלאַך פון מאָלדאַוואַנקע,
ווער — אין קעלער און ווער — אין זאַוואָד.

— „שפּירט די „ווייסע" מיט אָפענע אויערן,
שפּירט דעם פיינט מיט באַוואָפנטן בליק.
ס'וועט לאַנג זייער זיג נישט דויערן —
מיר קומען אינגיכן צוריק!"... —

יאָגן בסורעס — און ווינטן בלאָזן —
און אין ווייניקער ווי אַ מעסלעס
האָבן רויטע די שטאָט פאַרלאָזן
און דעניקין האָט פאַרכאַפּט אָדעם.

* * *

יענעם טאָג האָט מען סערקע׳ן גערופן
צו דאָוויד׳ן אין לאַזאַרעט.
באַקומען האָט בלאַנק זיין קופערט,
זיין נאגאן און צוויי פּאָרלעך גרעט.

ז׳איז געקומען אין דער רעכטער בעהאָלע
און דערהערט וועגן גרויסן בראָך, —
האָט זי אים צום פעטער נאַפּטאָלע
געבראַכט אין געהיימען ליאָך.

יאטרען טעג זיך, ווי פוילע פעניעס,
אין קעלערס, אין שליימיקער טיף.
אף דער וואָך אף דער דריטער פון געניא׳ן
האָט די מאָמע געבראַכט אים אַ בריוו:

—„אַ גרוס דיר, מיין ליבער דאָוויד,
ס׳איז שרעקלעך דער פלוצלעכער קלאַפּ,
נאָר עס טוט מיר בעעמעס האַנאָע,
וואָס דער סוינע האָט דיך נישט געכאַפּט.

—„ווייסט אַליין, וואָס עס וואָלט דיך דערוואַרט
דאָרט:
(ס׳איז דעניקין אַ גאַזלען, אַ ברוט!)
איז אַ שטעל צו דער וואַנט — און פאַרטיק...
איז אַ שטריק אפן האַלדז — און קאַפּוט...

—„נאָר ווי לאַנג וועסטו קאָנען זיך האַלטן,
ווי אין שפּינוועבס — אַ הילפלאָזע פליג?
ס׳קלייבט דער סוינע זיך לאַנג דאָ צו שאַלטן —
און „אונדזערע" זעט מען נישט צוריק.

—„איז צוואָוואָס — דאָס לעבן פאַטערן
און שטאַרבן דאָ יונגערהייד,
ווען די יאָרן, ווי טויבן, פלאַטערן
מיט ליבע, מיט זון און מיט פרייד?

—„דו וועסט דאָך מיסטאָם זיך וואונדערן:
ווי קום איך גאָר פלוצים אַהער?
— אין טראַגישן אונדזער יאָרהונדערט
ווער בייט נישט די וואָפן, ווער? ...

—„איך האָף אז אויך דו וועסט איצט איינזען,
אז אלץ איז א פוסטער פוכיר,
אז דער גאַנצער, דער בלוטיקער וואַנזין
נישט פאַר מיר און נישט פאַר דיר.

—„איז די פראַגע בלויז, ווי דיך צו ראַטעווען
פון גרויען, געצוואונגענעם פלען?...
איך האָב מיט זיך גאָלד און קאַראַטן 1)
און איך האָב זיך מיט וועם שוין געזען...

—„ביז וואן איז דער שיער צו שטרייטן
און זיך קרייצן פאַרן באָלשעוויק?...
ס'האָט אַ רעכט דאָך אין אַלע צייטן
יעדער מענטש אָף זיין פיצל גליק"... —

ס'האָט דאָוויד געשלונגען די שורעס,
ווי ווײַן פון א ברודיקן קאָס,
און ס'האָט אים געעקלט, ווי שטשורעס,
יעדער וואָרט און יעדער אָס.

ר'האָט געהאָפט, ס'איז א בייזער כאָלעם,
נאָר געווען איז עס ביטערע וואָר...
— קאָן עס זיין, אז אזא נעוואָלע
זאָל אים פאָרלייגן געניא שאָר?...

געווען איז זיין ענטפער לאַקאָניש,
געווען איז זיין ענטפער קורץ:
—„איך וויל נישט און טאָר נישט און קאָן נישט
אָננעמען דיין הילף און שוץ.

—„איך וויל מיך נישט גריבלען און דליבן
אין קויט פון דיין גרויזאַמער טאַט.
ס'יוועט קיינמאָל דער האָניק פון ליבע
נישט פאַרזיסן די גאַל פון פאַרראַט...

—„און נישט איך מיט מיין ליבע צעקרישלטער,
נישט איך וועל דיר צייכנען דיין שטראָף —
האָסט אַליין מיט דיין טאַט פאַרמישפּעט זיך
און אונטערגעכאַסמעט דיין סאָף."—

1) — בריליאַנטן.

* * *

האָבן ווייטער זיך טעג געקוויטיקט,
ווי פּעניעס, פאַרפוילט און געל.
געווען איז זיין הארץ צעוויטיקט
און צעברויזט איז געווען זיין זעל.

געוואַרט האָט ער פּופּצן וואכן —
יעדער טאָג, ווי אַ טליע־שטריק —
און היים האָט געטליט דער ביטאָכן:
ס׳וועלן קומען די רויטע צוריק.

ביז געלאָזט האָט די מאמע אים וויסן:
—„ס׳איז געפאַלן דער פיינט אַף דיין סליאַד,
האָב איך קוים דיר געקראָגן א וויזע
דורכן גריכישן קאָנסולאַט.

ס׳זענען רויט שוין פון בלוט די יאַמען
און אַף גאסן זיך וואַלגערן קעפּ...
אַז אַך און אַז ווי איז דער מאַמען,
וואָס זי האָט גאָר אַזוינס דערלעבט!״ —

ס׳האָט די מאמע געוויינט און געיאָמערט
ביים פאַרפּאַקן דעם טשעמאָדאַן
האָט דאָוויד מיט זיך גענומען
זיין כאַווער — זיין טרייען נאַגאַן.

געווען איז דער טאָג א בלאַסער...
און בלאַנק — מיט א קרייץ אַף דער ברוסט,
אין א לאַנגער גאַלאָכישער ריאַסע 1)
האָט געלאָזט זיך צום האַפן צופוס.

ס׳האָט די מאמע געצוקט א פאַרווירטע,
אים פונוויטנס באַגלייט, ווי א מעס,
ווען די שיף האָט זיך האַסטיק א ריר געטאָן
פון דעם ליכטיקן ברעג — אָדעס.

האָט בלאַנק אונטער שטורעם און האָגל
דעם קאָפּ זיינעם אונטערגעשטעלט,
און געלאָזט זיך אַף העפקער און וואָגל
איבער לייזנג, איבער ברייט פון דער וועלט...

1) — מאַנטל.

ז. העפקער

פון טיפוס, פון לייז, פון אָקאָפּעס,
פון הייסן, פון שלאַכטישן בראַנד,
אַוועק אין די ווייטע אייראָפּעס
איז דער דיכטער דאָוויד בלאַנק.

1. וואַנדער

ס'האָט דער גורל אים אויפגעהויבן,
ווי אַ יאָסעם — אַף שטיפמאַמעס הענט,
און מיט הארץ און מיט זעל צעשויבערטע
אים אַ שליידער געטאָן אין דער פרעמד.

ר'האָט געשלעפּט זיך מיט א שפּיל־קאטערינקע,
מיט א מאלפּע און פּאָפּוגיי,
און געהאנדלט מיט בּאָמים און שמינקע
אַף די מארקן פון אלט־שאַנכאי.

ר'האָט געבלעטערט פון טאָוול ביז טאָוול
דעם שטויביקן בוך פון דער וועלט:
א פּאָרעש, א קאזאנאָווא,
אַ דיכטער און אַ רעבעל.

און אלציינס איז געווען דער פּאריער 1)
דער וואנזין פון טאָפּלטער שפּיל:
די גרויזאמע שרעק פון אוואריע, 2)
די פרייד פון דערגרייכטן ציל.

אין ספּאזמען פון זנוס און פון צידקעס
געקרעכצט האָט דער מיזרעך־דראַקאָן:
צווישן פראנקרייכ'ס צערעפּעטע ליטקעס,
אין די נעגל פון אלביאָן. 3)

און נישט איינמאָל אין שווערן שפּרייזן
האָט געטרוימט זיין צעפּייניקטע זעל:
ווי א פּולווער־סקלאַד אופצורייסן
די גאַנצע, די קרעציקע וועלט.

---

1) — פּאַרשטויסענע. 2) — שיפּס־ברוך.

3) — ענגלאַנד.

* * *

קריכן וואָכן אין שפּאָן און שלעפּן,
ווי אָקסן, דעם יאָך אפן קארק, —
געווען איז צופיל איין לעבן,
געווען איז איין טויט צו קארג.

שניידן שיפן די טיפן, וואס צערענען,
שניידן שיפן די טיפן מיט האסט:
איבער כוואליעס, ווי ווייכע פּערינעס,
איבער כוואליעס, צעפּינעט פון קאַס.

יעדן טאָג, ווי א ראק, הינטערווײַלעכס, —
צי ס'האָט זיך געדוכט אים סטאָם, —
האָט די זון, ווי א גאָלדענער קײַלעך,
זיך אונטערגעטונקן אין יאם.

יעדע נאכט האָבן גרונטן צעאַקערט
די שטאָלענע שארפן פון שיף —
און ס'האָבן די פלעמלאַך געפלאַקערט,
ווי וואקסענע ליכט אין דער טיף.

און אין ראָזע, פארנעפּלטע פריען, —
צעווינטיקט און רויט, ווי א צוויק, —
האָבן הענט שיער געפּלאַצט פון ציען
די שערשאווע אנקערשטריק.

און בײַנאַכט אין זיין טריומיקן 1) ווינקל —
צו פארווינגן דאָס שווערע געמיט —
פלעגט ער אָפט, ווי אין מאָך, פארזינקן
אין פּוכיקן טרוים פון זיין ליד.

אינדערפרי, ווען די זון, ווי א פּאווע,
האָט צעפעכערט איר גאָלדענעם עק,
אפסניי האָט מען אנקערס פארזשאווערטע
געשלעפּט איבער פייכטן דעק.

און זיין הארץ איז נישט מיד געוואָרן
צוווארפן זיך — קאָפּ־צי־שלאַק —
צווישן שטערן פון טראָפּיק האָרן,
צווישן כוואליעס פון טראָפּיק ראַק...

---

1) — דאָס פּלאַץ פאַר פראַכט אין שיף.

* * *

ס'האָט דער גורל פאַרווישט זיין זייכער
און אָפּגעמעקט זיין געביין,
ווי געשליידערט האָט מען א פאַרברעכער
אין רוים פון טאַרפּעאישן שטיין. 1)

ס'האָט די צייט איבער אים געראָנגען,
ווי זאַמד פון פאַרקלעמטער דלאָן,
און ס'האָבן אַף אים די בורונען 2)
געשאַרפט אין דער טיף זייער צאָן.

ס'האָבן בייכיקע נעכט געשוואַנגערט
מיט זאָמען פון טעג אין דער טיף,
ווען אַף לייבעס פון טויטע אנקערס
האָט געוויגט זיך זיין וואָגלשיף.

און אָפט ווען סירענע־קלאַנגען
האָבן הימלען געלעכערט, ווי שרויט, —
האָט דער גרויער, שלאַקריריקער לאַנגוויל
געשטיקט אים אין אַנגסטן פון טויט.

האָבן וואָכן געראָישט צעברויזטע,
ווי שנייאיקע ריקעס פון באַרג,
און ס'האָבן פון ביינקשאַפט די פּויסטן
געוועקט אים פון שטומען לעטאַרג.

ס'איז דער גורל געווען זיין בעדעקער 3)
און דער ווילן — זיין שטענדיקער גיד,
און מיט זיי — זיין געטרייער וועקער,
זיין איינציקער כאַוועך — זיין ליד.

ס'האָט דער וואָגל זיין זעל נישט געפאַנקעוועט,
נישט געשווינט נאַוועגאַד זיין געזיכט, —
האָט דאָס לעבן געטליט און געצאַנקעט,
ווי דער קנויט פון א גראָשנליכט.

און נישט איינמאָל האָט בליאַסק פון בלענדשפּיגל
פאַרבלענדט אים מיט פאַלשן שיין,
און דער צופאַל זיין ברודיקע הענטשקע
אים געשמיסן אין פאָנים אריין.

1) א פּלאַץ פון וואַנען מע פלעגט אַרונטערשליידערן פאַרברעכער אין אַלטן רוים.

2) — יאַם־שטורעמס. 3) וועג ווייזער

2. אין פּאָרט־סאַיד.

געשמעקט האָט מיט גאוּוער און שימל
אף גאַסן ביים נאַכטיקן בעי...
ס'האָט בלאַנק אונטער בלייכע הימלען
געוואַנדערט אליין מיט זיין וויי.

אין שימל, אין קויט און אין זשאַווער, —
פון וואַנדער און וואָגל מיד, —
האָט דאָוויד א יוגנט־כאַווער
געטראָפן אין פּאָרט־סאַיד.

געזעסן איז ער ביי א טישל
אין א ביליקן פּאָרט־רעסטאָראַן.
ס'האָט אין האלדז זיך געשטעלט אים דער ביסן,
ווען דערלאַנגט האָט אים ארטשע די האנט:

— „זיי געגריסט און שאָלעם־אַליכעם!...
וואו פאָרסטו?... פון וואַן?... און וואוהין?...
ווער האָט אונדזער גוירל געצייכנט
צו טרעפן זיך פּלוצים הי?... —

זיין יוגנטפריינט ארטשע קויגען, —
א דאָקטאָר — באַבערדלט און פרום —
קוקט אים אָן מיט צעלאָפּענע אויגן,
באַטראַכט אים און טאַפּט אים ארום:

— „כ'הויב אָן גלויבן, ס'איז דאָ א האַשגאָכע,
און אז ס'קען נאָך געשען א נעס, —
ערשט נישט לאַנג האָב געזען דיין מישפּאָכע
מיט אַכט מאָנאַט צוריק אין אָדעס.

— „דיין מאַמע, זי קלאָגט אף די יאָרן,
וואָס זי הערט נישט פון דיין געביין...
און דו?... וואָס פון דיר איז געוואָרן
אין דער גרויסער וועלט אליין?...

—„נאָר וואָס איז דאָ שאיעך צו טאַינען:
נישטאָ וואָס צו בייַנקן צוריק...
ס'איז דיך יעדערער דאָרט מעקאַנע —
אבי נישט ביים באָלשעוויק...

— „און איך מיט מיין אייגן לעבן? —
ס'איז שווער אף די פּלייצעס דער אָל!
איז וואוהין זאָל א איד איצט שטרעבן,
אויב נישט קיין ערעץ־ייסראָל!...

— „פּאָלג מיך, שוין גענוג צו שטורעמען,
ברעכן ווענט מיטן הוילן קאָפּ,
ס'קאָן יעדער זיין לעבן פורעמען,
ווי די האנט פון טעפּער — דעם טאָפּ.

— „קום מיט מיר אין דעם לאַנד פון די אָוועס,
וואו עס בויט זיך א נייע וועלט,
וואו עס טלי'ט נאָך דער פייער פון אָוואר
און דאָס ליכט פון מאָרגן שוין העלט!" —

האָט דאַוויד זיך פיינלאַך צעשמייכלט
פון ארטשע'ס באַגייסטערטע רייד —
און די האנט האָט פון ברויט פון ווייכן
נעקנאָטן קיילעכלאַך צוויי...

* * *

איז אַרטשע א וויילֿ געזעסן
און געביטן א פּוס אף א פוס:
— „אך, יאָ!... כ'האָב שיער נישט פארגעסן,
איך האָב דאָך צו דיר א גרוס.

—„ס'איז דער גרוס שוין פארשפּעטיקט א קאַפּעלע,
ער איז אַלט שוין א וואָסער האַלב יאָר:
— כ'קום אריין אין פאריזער אָפּערע,
וועמען טרעף איך?... געניא שאָר!..

— „ז'האָט געטראָגן א ווייסן קאַראַקול
און א בריליאַנטענע דיאַדעם — 1)
כ'האָב פון פרייד זיך געטאָן אזש א וואַקל
און בין שטיין געבליבן אין קלעם.

— „געדאַרפט האָסטו זען אביסל,
ווי זי האָט זיך צעפרייט מיט מיר...
נאָך באַלד נאָך דער ערשטער באַגריסונג
האָט זי טייקעף געפרעגט אף דיר...

1) — קאָפּ־צירונג.

— „צי ווייס איך, וואו דו ביזט אנטרונען,
צי האָב איך פון דיר א שפּור?...
ז'האָט געהערט, אז דו וויגסט זיך אַף שקונעס 1)
צווישן קיפּר 2) און סינגאַפּור... 3)

— „ז'האָט דערציילט מיר, אז זי איז אנטלאָפן
באַלד נאָך דיר פון צעבויטעטן לאַנד,
אז זי האָט זיך אין סטאַמבול געטראָפן
מיט אַ רייכן ספּעקולאַנט.

— „אַז זי לעבט זיך ביי אים, ווי א פּריצע,
און פאַרקערט צווישן אַדלשטאַם,
אז ווינטער וואוינט זי אין ניצע, 4)
און זומער — באַם באַלטישן יאַם.

— „אַז זי קליידט זיך ווי א פּרינצעסין —
און עס פעלט נישט פון פויגלמילך...
נאָר ס'איז שוין אַף טויט איר דערעסן
די נאַרישע בערזנשפּיל...

— „און צום סאָף האָט זי פיינלאַך פאַרביסן
די ליפּ, ווי אַ בלוטיקן שנור, —
און געבעטן איר לאָזן וויסן
טאָמער קריג איך פון דיר א שפּור... —

—„כ'האָב מער נישט געוואַגט זי צו פרעגן,
נאָר געטראַכט: — ס'זאָל נישט זיין די שאָ,
עפּשער איז זי אַף קרומע וועגן
אוועק לעטאַרבעס ראָ!"...

געזעסן איז בלאַנק ווי פאַרסטאַרטשעט...
און פּלוצים מיט א שטרעק פון דער האַנט
זיך געזעגנט אַף שנעל מיט אַרטשע'ן
און אַרויס פון רעסטאָראַן.

---

1) — קליינע שיפלעך.
2) — אינדזל אין מיטלענדישן יאַם.
3) — האַפן אין אינדיע.
4) — דאָרעם־פראַנקרייך.

3. כאַראָטע.

און אָפּט אין זיין איינזאַמען שפּרייזן
אין געיעג פון געפּאַר צו געפּאַר
האָט היים, ווי א גליאיק אייזן,
כאַראָטע געבריט זיין האַרץ:

— ער — א זעלנער פון דער רעוואָלוציע,
ער — א קעמפער פאַרן אַרבעטער־קלאַס,
שלעפּט אַרום זיך אָן טאָלק און אָן נוצן
איבער וועגן פון וועלט — פוסט־און־פּאַס!

— האָט ער דען אין קאַמף — א דערלייזטן —
נישט געפונען זיך אַליין?
איז ווער האָט אין פּלי אין דרייסטן
צום האלדז אים געבונדן א שטיין?...

— דאָרטן זיגט שוין די רעוואָלוציע,
דאָרטן בויט מען דעם סאָציאַליזם —
און ער לעבט מיט פאַלשע אילוזיעס
א בראָדיאַגע־אַוואַנטוריסט!

— און ווי קאָן ער צו זיי איצט קומען?
און ווי קאָן ער איצט גיין צוריק?
געווען איז געדעכט אַנומלט
בערל גאַרבער — דער באָלשעוויק:

„דו ווייסט דאָך, ווי איך, אַוואַדע:
ס'האָט מיט וואָרט און מיט טאַט און מיט פּען
נישט איינמאָל שוין אונדז פאַרראַטן
דער וואַקלדיקער אינטעליגענט"...

— ס'איז עמעס, ער האָט נישט פאַרראַטן
די בויער פון דער נייער וועלט, —
נאָר באַדאַרפט וואָלט ער לייגער וואַרטן
און ניט ציטערן אַזוי פאַר זיין פעל...

און קראַנק איז געווען זיין געוויסן
און ליידיק און שווער זיין האַרץ, —
האָט ער ווייטער אָן פּאַספּאָרט און וויזע
די גרענעץ פון לענדער געשוואַרצט.

4. העפקער.

איבער שוועלן פון פרעמדע שטיבער,
איבער האַרביקע רוקנס פון וועג,
האָט דער מילשטיין פון צייט צעריבן
דאָוויד׳ס יונגע, צעבויטעטע טעג.

האָט קרעציקער ייעש געבראַנדיקט,
ווי א שפּאַרבער זיין הארץ געפּליקט.
ווער ס׳האָט איינמאָל פאַרזוכט דעם וואנדער
דער ווייסט נישט קיין אנדער גליק!

האָבן נעבט זיך געשווארצט ווי קאַניעס
איבער פייכטן און זומפּיקן שליים —
און די ביליקסטע, ערגסטע אכסאַניע
איז געוואָרן זיין שטענדיקע היים.

געפלאַקערט האָבן הייסע בלוטן,
ווי נאַכטיקע סרייפעס אַף שניי:
אין „הייזלאַך" פון ווייסער קאַלקוטע,
אין טעמפּלען פון בלויען באַמבעי

געשיקערט מיט יונגע מאַטראָסן,
געהוליעט, געברענט א וועלט,
און פון ביליקער ליבע גענאָסן
אין יעטווידן פּאָרט־באָרדעל.

און נישט איינמאָל מיט הארץ מיט צעפערטלטן
אין ייעש און אומקום־וואָן
האָט דאָוויד מיט ליבע געצערטלט
דעם „דריקער" פון זיין נאגאַן.

און געוואַרט, אז די פיין די געקייפלטע
זאָל פּלאַצן אין הארץ ווי א רייף,
וועט ער אים אין זיין לעצטן צווייפל
א שטעל טאָן צום בלאָסן שלייף.

— — — — — — — — — — — — — —

טשאַדיען טעג און וואָכן צאַנקן
אין וואַנדער פון פאָרט צו פּאָרט...
האָט דער צופאַל פאַרשווינקט דאָוויד בלאַנק׳ן,
ווי א כוואַליע — א שפּאָן, קיין ניויאָרק.

צווייטער טייל

ב ר ו י ז

אַף לעבנים צעברויזטע וועגן
דעם שטורעם לעבט איבער בלויז ד ע ר ,
וועך עס האָט זיך מיט ציין און מיט נעגל
פאַרקלאַמערט אין ברוסט פון דער ערד...

(דאָוויד בלאַנק)

אינהאַלט פון צווייטן טייל

„ברויז"

א. אין גאָלדענעם לאַנד — — — — — — — 79
ב. פאַרלאָשענע טרוימען — — — — — — — 107
ג. אַף אַ פעסטן באָדן — — — — — — — 145

א. אין גאָלדענעם לאַנד

ווער פון אונדז האָט מיט אויגן, מיט טרעריקע,
מיט א האַרץ, ווי א גליאיקע פאַן,
נישט געטרוימט פון דער רייכער אמעריקע,
פון די גליקן אין גאָלדענעם לאַנד.

1 אמעריקע.

געווען איז נאָך בלאַנק אין די צוואַנציקער,
ווען באַטראָטן האָט ער די ערד,
נישט געוואוסט, אז דאָ־הי פּאַרפלאַנצן זיך
וועט געצייכנט אים זיין און באשערט.

געווען איז דאַן שטאָלץ אמעריקע
מיט איר ווייך און דימענטן האַרץ, —
ס'האָט אלעם די פאַלשע פּראָספּעריטי
די באַקעם פון וואָל־סטאַג צעשפּאַרט.

ס'איז געוואָקסן, ווי לאָפּוך־בלעטער,
די אשירעם ביים אָנקל סעם,
און זיין פויסט — מאַיסע רייכער פעטער —
האָט געהאַלטן איירפּאַ אין קלעם.

ס'האָט דער דזשינגאָ נאָך דעמאָלט געיאַטרעט
אין קערפּער פון לאַנד, ווי א קרעבס,
און געהאַלטן אונטער אייזערנע גראַטעס
דעם גרויסן מאַרטירער דעבס.

פון דער איסט ביז דער וועסט האַלב־באוואוינטער
האָט געטיילט זיך אַף צווייען די וועלט:
ס'איז דעמפּסי געווען דער געקרוינטער,
בעיברוט — דער געזאַלבטער העלד.

געשטייגט האָבן ביינוול און קאָרן,
באַטש גרויס איז געווען דער גערעט.
ס'איז ווילסאָן אויס אָפּגאָט געוואָרן —
און קולידזש איז געוואָרן גאָט...

2. דאָוויד באַגעגנט דעם טאַטן.

ס'האָט דאָוויד געוואַרט און געכאָלעמט
פופצען שווערע, צעוויטיקטע יאָר
זיך צו טרעפן אַמאָל מיט שאָלעמ'ען,
מיטן טאַטן — אין ווייטן נויאָרק.

ס'איז שאָלעם ביי אים אַ מוסטער
געווען פון דעם גייסטיקן מענטש —
און אין לעבן, אין וויסטן און פוסטן —
די לעצטע געגאַרטע פאַרענטש.

און אין אַלע אין נאַוועגאַדן
געבײַנקט האָט זיין עלנט האַרץ
נאָכן ווייטן אַנטלאָפענעם טאַטן,
דעם אילוי און דעם בונטאַר.

און אָט האָט זיך דאָוויד באַגעגנט
מיטן פאָטער אין פאָרטלענד, מעין.
אויף אַ גאַס אין אַ רייכער געגנט
אַ שילדל „דאָקטאָר בלעין".

דאָקטאָר בלעין מיט אויגן פאַרוועלקטע
באַגעגנט דעם זון מיט „שאָלאָם!":
„מאַי סאָן, יו אַר סוירטענלי וועלקאָם
טו יור פאַדהערס האָמבל האָום" —

אַ גוף, ווי אַ פלאַכער טאָוול
אין אַ וויים, געקראָכמאַליעט העמד —
און דערשפּירט מיטאַמאָל האָט דאָוויד,
אַז דער מענטש איז אים גייסטיק פרעמד.

עס ווייַלט דאָוויד בלאַנק ביים טאַטן
אַ וואָך — ווי אַן אייביקייט.
שאָלעם פירט מיט'ן זון דעבאַטן
און וויל פון אים מאַכן אַ לייט.

— „ווען איך בין פון בערשאַד אַנטלאָפן
אין זיבעטן יאָר אַהער,
געווען איז מיר קלאָר און אָפן
מיין ציל אויף דער היגער ערד.

— ס׳האָבן קיינמאָל די טרוימען די זוניקסטע
נישט גענאַרט מיך מיט פאַלשן בלענד.
ס׳איז אַ לאַנד דאָ פון אָפּאָרטוניטי,
און יעדערער האָט דאָ אַ „טשענס״.

— „כ׳בין געקומען אַהער אַ מונטערער
אפן פינעף־און־פערציקסטן יאָר,
האָב איך באַלד אַ פּאָר „היברו־שטונדן״
באַקומען ביי אַ גוויר אין נויאָרק.

— „ס׳האָט דאָס האַרץ אָפּט געפּלאַמט און
געפיבערט,
נאָר געאַרבעט האָט קאָפּ מיט סיסטעם:
איז בייטאָג ביי דעם גוויר אף „היברו״
און ביינאַכט זיך געגרייט צום „עקזעם״.

— „מענסט זיין שטאָלץ מיט דיין טאַטן, דעם
דאָקטאָר,
ס׳האָט אַ נאָמען דאָ סידני בלעין:
ער איז אַ כעמי־אינסטראָקטאָר
אין קאָלעדזש פון סטייט אָוו מעין.

— „און דו? ס׳האָט די מאַמע געשריבן
צוריק מיט אַ יאָר, צי צוויי,
אז דו ביזט צו די „גדוילים״ אריבער
און געדינט אין דער רויטער ארמיי.

— „איך פארשטיי נישט די באָלשעוויקעס.
וואס זיי האָבן דאָרט אויפגעטאָן?
אוועקגעזעצט בערקע דעם שיקער,
דעם שוסטעריונג אויבנאָן?

— „איז וואָס איז דער ייכעס, דאָוויד,
מיט דיין מאָסקווער באָלשעוויק?
געזאָגט האָט עס יעשאַיע האַנאָווי
נאָך מיט טויזנטער יאָר צוריק:

—„וועהאָיאָ בעאַכרים האיאָמים,
עס וועט וואוינען אַ לייב מיט אַ שעפּס —
און נישט זיין וועלן מער קיין מילכאָמעס,
קיין באָסעס, קיין סטרייקס און קיין סקעבס...

—„אומזיסט! ס'האָט אין לעבן דער טייסטער
פאַרקנעכטיקט די האַנט, וואָס שאַפט.
ס'וועט דער מייסטער אַף אייביק זיין מייסטער,
און דער שקלאַף וועט אייביק זיין שקלאַף.

—„און נישטאָ איז קיין איין בענאָדעם,
וואָס זאָל אָפּשאַפן אָרעם און רייך,
וואָס זאָל קענען אָן איינעמ'ס שאָדן
צעטיילן די וועלט גלייך אַף גלייך.

— „ניין, דאָוויד, ס'איז שעלוי קעדארקע, 1)
ס'איז צו הארב פאַר מיין אַלטן קאָפּ:
ס'איז פּאָשעט גענומען זאַבארקע, 2)
צי ווי זאָגט מען דאָ־הי: „א האָלד־אָפּ".

—„וואָס האָבן זיי דאָרט זיך צעטראַסקעט,
די דאָזיקע העפּקערע לייט?
ניין, דאָוויד, איך בין נישט מאַסקים,
האָסט געפּאַטערט אומזיסט דיין צייט.

—„נאָר וואָס איז געוועזן — געוועזן איז.
איין זאַך בלויז פאַרלייקן מיר ניט:
צווישן אַלע די טוירעס דעם לעבנ'ס
ביזטו כאָטש פאַרבליבן א איד?

— „נו, מיילע, פאַרפאַלן, דאָוויד,
ס'איז עפּשער מיין אייגענע שולד:
ס'האָט מיין האַנט דיך נישט אויסגעכאָוועט,
פאַרן לעבן דיך נישט געשולט.

— „איז גענוג שוין ארומצוצירקלען,
ס'איז שוין צייט זיך באַזעצן וואו.
ס'מוז האָבן א מענטש אן איר־מיקלעט,
ס'מוז א מענטש דאָך געפינען רו.

„און איצט ביזטו דאָ אין אמעריקע:
דאָ ז'נישט בערשאַד און נישט אָדעם!
פאַרגעס אין דער „רויטער" היסטעריקע
און די טוירע די מאָסקווער פאַרגעס!

1) — נישט לויטן ריכטיקן וועג.
2) — פּאַרן קאָלנער.

— „דאָ גייען אַרום אַלע זאַטע,
נישטאָ דאָ קיין פּריסטאַוו, קיין צאַר,
און הערשן הערשט דאָ דעמאָקראַטיע,
פאַרשפּאַרט מען דאָ זיין א בונטאַר.

— „און פון ענגלאַנד און ביזקל כינע
און פון טאָקיאָ ביז מאַדריד
איז קיין בעסערע נישטאָ קיין מעדינע,
ווי אמעריקע — פאַרן איד!

— „אָט נעם מיך, לעמאָשל, דעם ערשטן,
וואָס דאַרפן מיר זוכן לאַנג?
וואָס וואָלט דען געוואָרן אין בערשאַד
פון מיר, פון שאָלעם בלאַנק?

— „זיך געאַויסעקט אין קאַבאָלע מאַיסים,
און טויספעס געלערנט מיט ברען —
און דיין מאַמען קיין וואַסער אַף קאַשע
פאַרדינען האָב איך נישט געקענט.

— „און איצט, ביי די באָלשעוויקעס
וואו וואָלט איך שוין אָנגעשפאַרט?
ווי דיין מאַמע — א קאַפּצן אַף דריקעס —
וואָלט געשטאַנען מיט עפּל אין מאַרק...

— „און דו מיט דיין גאַנצן לערנען
אין מאָסקווער אוניווערזיטעט,
וויפל געבראַכט האָסטו קערבלעך
בימזומען, מיין זון — מיין פּאָעט?"...

ס'האָט דאָוויד א וואָרט נישט געענטפערט,
נאָר פאַרפּאַקט דעם טשעמאָדאַן...
וואָס קאָן מען דערציילן פון קעמפער
א מענטש פון פּיליסטערלאַנד!...

ס'איז דאָוויד די נאַכט נישט געשלאָפן,
געוויינט אין דער שטיל ביז קאַיאָר.
אַף מאָרגן איז ער אַנטלאָפן
פון טאַטן צוריק קיין נויאָרק.

3. אין געפּילדערלאַנד.

געשפּאַנט אַ באַטויבטער האָט דאָוויד,
ווי אין כאָלעם, די ערשטע צוויי יאָר
איבער לייִנג פון מאָדערנעם באָוול,
איבער סקווערן פון גרויס נויאָרק.

ס'האָבן גאַסן גערוישט, ווי טורבינען,
ס'האָט געשראָקן די אויבערבאַן,
איז אים שווער זיך געווען צו געפינען
אין דעם נייעם געפּילדערלאַנד.

געלאָקט האָט, ווי שווינדל־טרעפּן,
דאָס לאַנד, וואָס איז יונג און ניי —
און געוואָלט האָט ער פּאַשעט לעבן
און אָטעמען גרינג און פריי...

געווען איז ער אויסגעהונגערט
אין גייעג איבער לענדער און שטעט,
געברויזט האָט דאָס בלוט דאָס יונגע —
און געוואָלט האָט ער עסן צו־זעט...

שפּאַנט דאָוויד אויף פרעמדע פּאַנעלן
מיט פעסטע צעלויבטענע טריט.
כאָטש עס פרעסט זיין נעשאָמע דער עלנט,
קלינגט טראַציק זיין רוסיש ליד.

ער שרייבט אין אַ רוסישער צייטונג
און ער וואוינט אין סיגעיט — ביים יאַם.
ער איז נאָך פון אידן דערווייטערט,
נאָר עס ציט אים צום אייגענעם שטאַם.

ער ווייסט: ערגעץ דאָ — דאַנעבן,
אין שכיינעס — אַ שטרעק מיט דער דלאָן:
פאַראַן איז אַ אידיש לעבן
און מענטשן, וואָס שרייבן „זשאַרגאָן".

* * *

נויאָרק איז א אידישער צענטער...
און ער וואַרט אין געצוימטן עקסטאַז
אַפן צופאַל אַמאָל זיך דערנענטערן
אַף דער וואָר צו דער אידישער גאַס.

לויפן טעג... און אוועק איז א זומער
און א צווייטער אין קאָך פון נויאָרק,
האָט דאָוויד אין פיין און אין אומעט
זיך באַקאַנט מיט דער אידישער וואָר.

לויפן וואָכן, צעשטויבט און צעבויקערט
אין נויאָרקישן צעפּאַלאָך,
זעט דאָוויד דעם פעדלערשן הויקער,
די לאַסט פון דעם קרעמערשן יאָך.

נישט צו בענטשן מיט בראָכעס מיט פּאַרעווע,
נישט צו פלוכן מיט גאַליקן סאַם, —
ר׳איז געקומען דאָס האַרץ צו דערוואַרעמען
ביים שייטער פון אייגענעם שטאַם.

און נאָך יאָרן פון אויפּברויז און וואַנדער
געטראָפן האָט ער די פּלאָג:
דעם בערשאַדער האַנדל־וואַנדל,
דעם ראַש פון אָדעסער טאָלטשאָק. 1)

און ס׳האָט אים געקריינקט און געעקלט,
און ווי פריסעק זיין האַס האָט געגליט:
צו די „וואָלסטריטער" „שאַרקס" , , און מעקלערס,
צו די קרעמער אַף העסטער סטריט.

און דערשפּירט האָט ער גרויזאַם און ניכטער:
— וואָס קער ער זיך אָן מיט זיי?
ער — יערשאָוו — א רוסישער דיכטער,
א סאָלדאַט פון דער רויטער אַרמיי?...

---

1) — באַרימטער מאַרק־פּלאַץ אין אָדעס.

4. די אידישע גאַס

א. „דער אָלרייטניק"

מ'איז אנטלאָפן נאָך ניינצן־פינעף
מיט ווייטיק, מיט שאַנד און מיט האַס —
און געצערטלט אין הארצן די סינע
צום צאַר און צו "פאָניע־קוואַס".

מ'איז געקומען פון כעלם און בארדיטשעוו,
פון וואַרשע, פון קיעוו און אָדעס —
און געאַרבעט אין פינצטערן שוויץ־שאַפ
צו זעכצן שאָ א מעסלעס.

געקומען זיינען גוטע צייטן,
געבליט האָט פאַרנאָסע אין לאַנד, —
איז געוואָרן א באָס —און „אָלרייטניק"
דער נעכטיקער עמיגראַנט.

און אז גאָט האָט באַגליקט מיט שעפער,
האָט מען שנעל זיך געשטעלט אף די פיס —
און געזויגן פון שניידער און שטעפער
דאָס לעצטע ביסל כיעס.

און ווי א בייסאַלמין — וואָרעם,
וואָס זויגט די אצאָמעס אויס, —
איז מען פעט און געשוואָלן געוואָרן
פון פרעמדער פראַצע און שוויים.

מ'האָט שנעל זיך ארויפגעאַרבעט,
„געמופט" אף „ריווערסייד דראַיוו",
די „פּאַרלאָרס" באַפּוצט מיט קאַרפּעטס,
מיט „דאַימאָנדס" באַהאָנגען דאָס ווייב.

מ'האָט אויפגעבויט וואָלקנקראַצערס —
און אלס ציינדז צו דער נייער צייט,
האָט מען צדאָקע צעטיילט א פּאָר גראַצערס:
ס'זאָל שיין זיין פאַר גאָט און פאַר לייט...

ב. מענאַכעם מענדל.

געקומען איז מענאַכעם־מענדל
פון יעהופעץ מיט שטעקלדריי,
זיך געעפנט א קענדי־סטענדל
ערגעץ וואו אף עוועניו „איי".

אָבער וואָס וועט דאָ זיין דער טאַכלעס
צו פאַרקויפן א ניקל — א „באַר"...
א איד דאַרף האָבן א נאַכלע,
אויב ער האָט נאָר א קאָפּ אפן קאַרק.

געקאַרגט און די קינדער באַגאַזלט
פון אַן איבעריק שטיקל ברויט —
און ענדלעך איז ער מיט מאַזל
אריין אין ריעל עסטייט.

האָט צעשפּילט זיך די וואַקכאַנאַליע
פון געניייווע, גזיילע און רויב —
און עס האָט אים א גינסטיקע כוואַליע
אף איר רוקן געטאָן א הויב...

א רענדל שלעפּט נאָך א רענדל,
און געלט קלעפּט זיך שטענדיק צו געלט —
איז אין וואָלסטריט אַוועק מנאַכעם־מענדל
דעראָרבן א נייע וועלט.

זיך אין פּלעטבוש באַזעצט — און דעם נאָמען
געביטן אַף מאָו און מאַקס
און פאַרקראָכן מיט קאָפּ און נעשאָמע
אין באָנדס און אין שערס און אין סטאַקס.

ביים שאָכן, דעם יענקי, די זיטן
געבאָרגט און באַצאָלט א שלאַל —
און אף „טשווירטש" און אף „טעמפּל" פאַרביטן
זיין אַמאָליקן אידעאַל.

ג. די העכט און די קאַרפּן.

געווען איז די וועלט שוין אנטוואַפנט,
דריי יאָר נאָכן פעלקער־קריג, —
איז די אידישע גאַס געשלאָפן
אין כאָלעם פון ציוין פאַרוויגט.

געצאָלט האָבן אידן ראַטעס
דעם דזשאָינט און דעם פּיפּלס רעליף.
געהאַט האָט נויאָרק צוויי טאַטעס:
לואי מארשאל און דזשייקאָב שיף.

מ'האָט ביים אוילעם געזאַמלט „פאָנדן"
פאַר שטערן, לעוואָנע און זון.
געווען איז דאַן מייער לאָנדאָן.
באַרימט נאָך אלס „פאָלקס־טריבון".

געווען איז דער יוניאָן־פאַרפירער
דאַן אַ העלד אַף דער אידישער גאַס,
געזונגען האָט ער נאָך „שירע"
דעם „אָרעמען" ארבעטער קלאַס.

ס'איז פענקין נאָך דעמאָלט געוועזן
דער גויעל פון דער איסט־סאיד
און ס'האָבן נאָך זיגמאַן און שלעזינגער
„געפאָכטן" דעם אַרבעטער־שטרייט.

מאקס פיין האָט נאָך אַלץ געגאָלטן
פאַרן אידישן זשאַן זשאָרעס, —
און דאָס פאָלק געבענטש און געשאָלטן
האָט דער קאָהלישער באָק — באַראָנדעס.

ס'האָבן ארבעטער שווער און פאַרפינעט
געהאָרעוועט ביז שפּעט, ווי די פערד,
און די פירער געשפּילט האָבן פינאָקל
און די „יוניע" געהאַט אין דר'ערד.

און די „יוניע" גענוצט האָט שוין „שטאַרקע"
קעגן אמכאָ, וואָס ציט אַף לינקס, —
נאָר אַלעמען גלייך מיט קאַרקע
האָט באַזאָרגט נאָך דער „ארבעטער רינג".

געבראכט האָט מען אַלע סימבאָלן
פון שטעטל, פון קלויז און פון מאַרק, —
זיך באַלעקט נאָך מיט קוגל און טשאָלנט —
און געלייקנט שוין קאַרל מאַרקס.

מ'איז געלעגן, ווי הינט, אױף די מיסטן,
געשטרייכט זיך אין שיינעם אַמאָל:
געווען איז מען נעכטן בונדיסטן —
און היינט איז מען גאַבע אין שול.

מעג ס'געוויסן זיין שוואַרץ, ווי סאַזשע,
מעג זיך וויקן אין ברוד די זעל, —
מע קריגט יעדע וואָך די גאַזשע —
און מע פייפט אױף דער גאַנצער וועלט.

און ביינאַכט, ווען שאַרפער און העלער
נאָגט דער וואָרעם פון פוסטקייט און פּיין,
פאַרטרינקט מען אין מאָסקאָוויטשעס קעלער 1)
ס'געוויסן מיט „בוז" און מיט וויין.

ס'האָט דאָס פּאָנים געפלאַמט פון כאַרפּע,
די ליפּן געקרימט זיך פון קאַס,
ווי ס'האָבן די „העכט" און די „קאַרפּן"
פאַרוואָרלאָזט די אידישע גאַס.

מ'האָט געפירט זיך ברייט, באַלעבעסלדיק
און געווען איז מען רייך אױף פּאַפּיר —
און די יאָרן האָבן אָפּגעבלעזלט,
ווי די פּינע פון „ניער־ביר".

מ'האָט געלעבט אין פּראָספּעריטי־פּיבער —
נישט געפילט האָט דער העפקערער דאָר,
אַז די יאָרן, די פּעטע, די זיבן
קאָן פאַרשלינגען איין מאָגער יאָר.

ביז אַן אייזערנער שווערער פּאַלאָנעק
האָט אַ מיש געטאָן צ'ריק די סטאַקס —
איז אויסגערונען דער האָניק
און געבליבן איז הוילער וואַקס...

1) — אַ פּאָפּולערער רעסטאָראַן אין נויאָרק. ....

ד. קראָטאָנאַ פּאַרק.

אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן
האָבן „יונגע" געפירט נאָך שטאָט,
געקלינגלט מיט „זילבערנע שפּאָרן",
געוויירעכט מיט בלויען טשאָד.

ס'האָט נאָך דאַן זייער פאָנענטרעגער
זיך פאַרכלינעט מיט סלינע אין מויל:
וועגן, דיקע, צערעפּעטע נעגערטעס,
וועגן לייבער, צעפּריעט און פויל.

ס'זענען דיכטער ביז דער דריטער אשמורה
דאַן געזעסן אין קראָטאָנאַ פאַרק
און געזידלט דעם סוינעם „סכוירע",
ווי סעדיכעם אמאָל אין מאַרק.

מ'האָט צעטיילט זיך אין קליקעס און קרייזלעך,
זיך געריסן מיט האס און פאַרדראָס —
און געשיקט יעדע וואָך צו מייזלען
קיין וואַרשע א פרישן „דאָנאָס".

מיט א בייסיק־סאַרדאָנישן שמייכל
האָט געשפּאַנט צווישן זיי ראָזענפעלד —
ווי א קויהען — אין א כאָרעוון הייכל,
ווי א ציינלאָזער לייב — צווישן וועלף.

קענן זיי — מיט וואָרט דעקאַדענטישן —
אין דיזעלבע עסטעטישע שיך —
מיט שמאַדשטיק אינטעליגענטישע
האָט „געשטורעמט" די בראָנזשע „אינזיך".

מ'האָט געאַרבעט ביי רעק און ביי זוילן —
און געכאָלעמט אַרוים פון שאַפּ —
מ'האָט געהאסט דעם צענשטאָקיקן גוילעם —
און געטרוימט דאָרט צו קריגן א דזשאָב.

מ'האָט געזונגען פון בלויע קווייטן,
מ'האָט געלידלט פון רויטער וואונד —
און פאַרטריבן דעם „בלייכן אָפּרייטאָר"
אין רינשטאָק פון געלן שונד.

ה. קאַפע „ראָיאַל".

און נישט איינמאָל מיט פיין און מיט איבל
האָט בלאַנק זיך געזעטיקט מיט גאַל
אין א העפקערער דיכטער־מעסיבע
ביי די טישלאַך אין קאַפע „ראָיאַל".

נאַכט־נאָך־נאַכט מיט א קאָל א פארזשאַווערטס,
מיט א פּאָנים, ווי געלער יוכט,
זיצט און סלינעט און שפּייט און גאַווערט
דער קוואַד־פּעאיקער דיכטער־יעוונוך.

לעבן אים זיצט דאָס ליסע כוינעפּל,
דער פּאָעטישער סוטיעניאָר, —
און אַף כעזשבן פון שווייסיקע זוינעס
באַלעקט זיך מיט קימלטאָרט.

ביי דער וואַנט זיצט אין בעלמישן גאַפּן,
מיט אַ קאָפּ פון אן אינדישן פּריסט,
און פירט די כאַניפע־פּאַראַפיע
דער בלינדער אַנאַרכיסט.

גלאָצט שטונדן אין שטויניקן שיקל —
און פּלוצים מיט בעלמעס א גלי:
— „אך, דאָקטאָר!!... האָט איר אן אַרטיקל!"... —
—„אך, רייזען!?!... איז דאָס א ליד!"... —

און דער בוך־מעצענאַט, דער שרייער,
זיצט און גאָנערט זיך אויבנאָן:
געגעבן צושטייער א דרייער —
און קאָוועד פאַר זיבן מאָנט.

און ביים צוויטן, ביים שכיינישן טישל
ווינקט דער ראָשע צום כאָכעם און טאַם,
ווי דער שעאיינע יוידייע לישאָל
זיצט און שלינגט דעם ווערטער־סאַם.

און בלאַנק ווי אַ לאַנגער פאָלאָניק
דרייט זיך אום אין דעם זודיקן טאָפּ,
און שווימט, ווי אַ בין אין האָניק,
און קלעפּט, ווי אַ פליג צו פּאָפּ.

און בלאַנק — פון דעם ערגסטן נישט בעסער,
מיט שוים אויף די ליפּן — ביז בלוט
איז גרייט דאָ צו גיין אויף מעסערס
איבער אַ קוצע שעל יוד...

בליען שמייכלען — שלאַקרירדיק און שטומפּיק —
פּאַטשן צינגער, ווי לעקערס — סטאַם...
און בלאַנק — ווי אַ ווירבל אין זומפּן,
און בלאַנק — ווי אין סליאָטעם — אַ פלאַם...

קאָן ער מער שוין דעם כוויזעק נישט איינזען,
דעם ביטול און שלאַנגנציש —
און ער האַמערט אין ווילדן וואַנזין
מיט די פויסטן אין שמוציקן טיש.

און אַז אַלע פון אים אַנטרינען
און ס׳פאַרגייט דער שטויביקער ראַש,
בלייבט ער איינער אליין ביז באַגינען
איבערן טעצל ציגאַרן־אַש.

און עס בריט, ווי צעשאָטענער פּריסעק,
און עס ברענט, ווי אין מידבער — דער סנע,
דער געדאַנק אין דערוואַכטן געוויסן:
אויך ער ווערט אַ טייל פון קאַפּע... ....

און ער פילט, ווי עס וואַקסן אים הערנער...
און עס ציט אים אין קאַפאַקאַל...
אָ! דאַנטע, וואָס איז דיין אינפערנאָ
אין פאַרגלייך מיט קאַפּע „ראָיאַל״!...

— — — — — — — — — — — — — —

ז.   די פּרעסע.

איבער רוקנס, געבויגן פון פּראַצע,
איבער אָרעמען אַרבעטער־טאַם
דרייסיק יאָר האָט ווילד אמעראַצעוועט
אין דער אידישער פּרעסע — דער כאַם.

זיך צעלייגט ווי א כאַזער אין בלאָטע,
און געכויזעקט, געכיכעט, געשפּעט,
ווי אַן אַלטע פּראַנציעוואַטע קאָקאָטקע —
אף א זיידענעם העסעבעט.

מיט פאַרסאַרכעטן שנוק געראָיעט
וואו א קופּע און וואו א שטאַל
און געקאָרמעט מיט גייסטיקער צויע
דעם נאַרישן לייענער — קאַלב.

נאָך ביז איצט, ווי א פייגער אין זאָטל,
איבער אַרבעטער ווינד־און־וויי —
רייט העפקער דער אויוורבאָטל,
דער פעלדפעבל פון איסט־בראָדוויי,

און די ליעסינס, די זינגערס, די אשעס
גייען נאָך, ווי די אָקסן, אין שפּאַן:
מע ווייִרעכט מיט קונסט —און מע קאשערט
דעם שערעץ פון שונד־און־שאַנד.

מ׳האָט די פעדער פאַרקויפט און ס׳געוויסן
צום גאָלדענעם געלן שעד:
פאַר א זאַטן, געשמאַקן ביסן,
פאַר א ווייכער און וואַרימער בעט.

ס׳האָט מאַמעש באַוויזן וואונדער
זייער גליטשיקער, גלאַטער געזעמס:
נעוועץ איז מען שוין א בונדאָוועץ,
פּויעלי־ציען, עס־פּי און עס־עס.

מ׳האָט שוין אַלע אוואוידעזאָרעס
געדינט, ווי א טרייער לאַקיי,
איצטער דינט מען דעם צענטן גאָרן,
דעם גוילעם פון איסט בראָדוויי...

ז. די „פרייהייט".

און אלס בייטש אף די טעמפּע פֿאַררעטער
און אלס צוים דער פּאַרקויפטער מאַרשאַס
איז געקומען — א ליכטיקע רעטערין —
די „פרייהייט" אף דער אידישער גאַס.

ס'האָט אַב. קאַהאַן מיט די ציין געשטשירעט,
און דער „פֿאָרווערטס" האָט כויזעק געמאַכט,—
נאָר טייקעף דערפילט: — די פּאַסירונג
צעשאָקלט זיין פינסטערע מאַכט.

געבליט האָבן היים די געמיטער
און דעם צאָרן, ווי פויסטן, געשטאָלט,
ווען פון קאַמף אין דזשאָינט עקשאָן קאָמיטע
האָט באוויזן זיך היימאַן און גאָלד.

ס'האָט די עמעסע פריינט דערקענט דאַן
דער פּאַרפּירטער ארבעטער קלאַס —
איז די „פרייהייט" געוואָרן א צענטער,
א מאַכט אף דער אידישער גאַס.

נאָר צוערשט האָט די „פרייהייט" געבלאָנדזשעט,
אין דער פינצטער געטאַפּט מיט די הענט,
ווי עס וואַרפט זיך אָן רול און אָן קאָמפּאַס
אין צעשטורעמטן יאַם — אָן אָקרענט.

ס'האָט איר פירער נאָך דאַן דאָס היטל
געצויגן פאַר קינסטלערישע פּניי,
געהילט זיך אין זייער קיטל,
זיך געגרויסט און געצאַצקעט מיט זיי.

ס'האָט שפּעטער די „פרייהייט" געלייטערט זיך
אין פייער פון שטורעם און קריג
און געוואָרן אין היץ פון שטרייטן
א צייטונג — א באָלשעוויק.

איצט פירט זי אף גאַסן און סקווערן
רויטע מאַכנעס — ריי נאָך ריי —
איר קאָמפּאַס — דער קאָמינטערן,
איר לאָצמאַן — די קאָמפּאַרטיי.

5. אַ טוישעוו. ..

געוועזן ווי די אָקסן אין דוהעס
דאָווידס טעג דאָ ארייננעשפּאַרט, —
און געפּלאָגט האָט די מעכיע־בזויע,
די ארבעט אין קונסט טעאַטער.

צווישן שקאָרים, באַשמינקט און באַפּודערט,
יעדן טאָג, יעדע נאַכט — דריי יאָר
האָט ער לויבן געדאַרפט דעם לאַכודרע
און רימען דעם קונסט־וואָיאַזשאָר.

נאָר ביים שיין פון די בינע־ליכטער,
צווישן שטריימלעך און פלאַקסענע בערד
האָט געשטאַלטיקט אין אים זיך דער דיכטער,
האָבן לידער אין אים געיערט.

ער זעט ווי דורך פּיין און דורך ווייען
איז דאָס לעבן דאָ אָרעם און וויסט —
נאָר ס'איז ליבערשט פון גאָלד אף בראָדווייען
דאָס היימישע ביסל מיסט.

שווימט בלאַנק אין עקסטאַז און באַוואונדערט,
ווי עס האָט זיך צעשפּראָצט און צעבליט
אין לעבן אין היגן, פאַרשונדערוועטן
די ווילדבלום פון אידישן ליד.

נאָר עס זעט: ס'לעבט א דאָר ווי אינמיטן,
פאַרמישפּעט צום אונטערגאַנג,
ווייל דאָס ליד און דאָס וואָרט האָט פאַרביטן
די אילוזיע פון א פאָטערלאַנד.

מע קראַצט די נעשאָמע־טשערעקעס
מיט לידער — ווי פאַרביק גלאָז,
מע וואוינט דרייסיק יאָר אין אַמעריקע —
און מ'איז וואָרצל — און — באָדנלאָז.

און ווי פּריסעק אים כריט די אַנטוישונג
און דער גוירל, וואָס איז אים באַשערט:
פון די פרעמדע אוועק ווי א טוישעוו
צווישן אייגענע בלייבן א גער.

6. כאַנע

טריפֿן וואָכן דורך פֿוילע טומאַנען,
ווי טראָפּנס — קראַפּ נאָך קראַפּ —
האָט דאָוויד באַגעגנט כאַנע'ן,
אַן ארבעטער־מיידל פֿון שאַפּ.

זיי וואוינען אַף דער גאַס פֿון ווינטן,
אַף דער פּופּצנטער און אוירווינג פּלאַץ,
וואו אַף הימלען, אין פֿלעקן צעפּינטלט,
איז די זון — ווי אַ גאָלדענע טאַץ.

ס'האָט די שטאָט איבער זיי זיך פֿארטאַיעט
און פֿארברודערט זיי ביידן אין נויט:
דאָוויד ארבעט ביינאַכט אין דער „פֿרייהייט",
כאַנע ארבעט בייטאָג אַף ברויט.

* * *

שפּאַנען יאָרן, ווי אָקסן, ווי מידע,
אין טאָג־טעגלעכן זוכן ברויט,
נישט געווען איז זי, כאַנע, צעפֿרידן
מיט אַ לעבן פֿון שטענדיקער נויט.

האָבן אָפּט אירע טיינעס, ווי שרויפֿן,
געעגבערט אין מידן מארך —
און נישט איינמאָל פֿלעגט בלאָנק אנטלויפֿן
אין קאַפֿע אַף אַ גאַנצער נאַכט.

ס'איז נישטאָ גאָר קיין ערגערער מאַרטער,
ס'איז נישטאָ גאָר קיין שווערערער פּלאָג, —
ווי קומען אהיים אַ פֿארמאַטערטער
פֿון קאַפֿע־הויז אַ שפּראָץ אַף טאָג.

און זי טרעפֿן אַ וואַכע, אַ ברויגעזע
ביים אָפֿענעם פֿענסטער שטיין —
מיט גליאַיק־צעשפּיזלטע אויגן,
געשוואָלן און רויט פֿון געוויין.

נאָר געווען איז אים ליבערשט פֿארשפּעטיקן
מיט שפּילער ביים קאָרטן־קריג —
איידער שיינקן איר ליבע געבעטענע
און זיך טיילן מיט גויסעסן גליק.

* * *

נאָר אָפּט, ווען אַף האַרטן געלעגער
דעקט דער שלאָף כאַנע׳ס אויגן צו,
און פול איז די שטוב ביז די ברעגן
מיטן אָטעם פון פליסיקער רו.

און שאָטנס פאַרבלאָנקעטע זינקען
אין וואָלפּישן פּיסק פון דער נאַכט, —
זיצט דאָווידביים שרייב־טיש אין ווינקל
מיט האַרץ און מיט אויגן — וואַך.

קלינגען שאָען, ווי דאָרשטיקע עמערס,
אין ברונעם פון שאָטן־און־ליכט.
אַפן טיש אין אַ פּאָשעטן רעמל
שמייכלט כאַנעס צעלויכטן געזיכט.

פאַרדומפּן און הייזעריק שלאָגן
שפּעטע זייגערס פון יענער זייט וואַנט —
און פול איז זיין האַרץ, ווי אַ לאָגל,
מיט ווייניקן ברויז פון געזאַנג.

מיטאַמאָל — איבער ווערטער־האָרבן
בלייבט היינגן זיין פּען אַפן ברים —
ווערט אים קלאָר דער טאָג־טעגלעכער קאָרבן
פון איר פּאָשעטער ליבע צו אים.

ער צעוואָרפט די פאַרשריבענע בויגנס,
און אין גלאָציקן הינערפּלעט
הייבט ער אויף פונ׳ם טיש די אויגן
און גאַנוועט זיך שטיל צו איר אין בעט.

כאַנע ליגט מיט די האָר צעשאָטן
אַף שניי־ווייסער פרישקייט פון ציך —
און עס מיניען זיך לייגלעכע שאָטנס
אַף איר בלייך און פאַרמאַטערט געזיכט.

דעמאָלט שמעלצן זיך פיין און פאַראיבל,
ווי כוואַליעס — אַף פעלזיקן ריף —
און ער גלויבט: ס׳איז אים זיכער איר ליבע,
ווי אַ שטורעם — אַ פּאָרט פאַר אַ שיף.

7. אַ קלאַס פאַר זיך אַליין

אױף פּאַנעלן, װי שטײנערנע טישטעכער, —
צעשפּרײט איבער סקװער און גאַס, —
טראָגט בלאַנק, אַ פּאָעט, אַ פאַרמישפּעטער —
װי אַ מילשטײן — זײַן ליד אױפן קאַרק.

ס'איז דאָװיד נאָך װײַט פון קלאַסנקאַמף,
אַ קלאַס נאָך פאַר זיך אַליין...
ער װײקט אין די מיקװעס שטאַם־ראַסיקע,
װי אַ װאָרעם — אין אידישן כרײן.

ס'איז דאָװיד אַ מענטש פון שטימונגען,
ס'איז דאָװיד אַ מענטש פון קאַפּריז:
ער האָט נאָך גענױ נישט באַשטימט בײ זיך:
איז ער דיכטער, צי קאָמוניסט!

ברױזט דער שטורעם אין אים פאַרטײיעט
װי אַ פרילינגשער שטראָם אונטער אײז, —
זיצט דאָװיד בײנאַכט אין דער „פּרײהײט"
און שװיצט איבער הױפּנס נײס.

ברענען יאָרן, װי שקיע־ליכטער
אין ראָמאַנטישן לידערװאַרג —
און עס טראָגט דאָװיד בלאַנק דעם דיכטער,
װי אַ פאַרביקן פײגער אױף קאַרק.

ער כאָלעמט זיך ערלעך באַהעפטן
מיטן גורל פון אַרבעטער־קלאַס,
נאָר ער שפּירט נישט די אײגענע קרעפטן
און עס דריקט אים דער „איך", װי אַ לאַסט.

ער פילט זיך פאַרלױרן און איבעריק
אין אַרומיקן רױשיקן גרילץ —
און עס װאַקסט בײ אים אײגנליבע
אין מױאַך, װי אַ געשװיל.

ער פּינזלט מיט ראָזעװע פאַרבן
װעגן גרױס־שטאָט און ליבע־װאָן —
און עס שטײט צװישן אים און די אַרבעטער
אַ הױכע, אַ שטײנערנע װאַנט.

8. איבערבראָך.

ווען עס וואקלען זיך לויזע פארענטשן,
מוז פויל זיין דער סאמע טאָך...
קומט אָפטמאָל אין לעבן פון מענטשן
אן אנטשיידענער איבערבראָך.

איז געקומען דער בלוטיקער אויגוסט,
די שכיטעס אין כעוורען און צפאס, —
האָט בלאנקן פארבעלמעט די אויגן
די ווילדע פאָגראָם־מעשוגאס.

געלעגן איז ערגעץ פארטאיעט
אין אים נאָך דאָס „פינטעלע איד", —
איז ער האסטיק אוועק פון דער „פרייהייט",
דער צעפיעשטשעטער אינדיוויד.

נישט געקאָנט האָט ער דעמאָלט איינזען
אין נעפל פון בלוטיקן טשאד:
אז דאָס וואָס ער טוט איז וואנזין,
אז דאָס וואָס ער טוט איז פארראַט.

און ווילד האָט די שונד־זשורנאליע
זיך צעהוליעט אין יובל־געשריי
אין א גיפטיקער וואקכאנאליע
פון ווארשע ביז איסט־בראָדוויי.

האָט דער גיפטיקער טשאד זיין געוויסן
פארפלייצט ווי א ווילדער ציקלאָן —
און אין זייער אין כאָר אין מיעסן
האָט זיין שטים אויך א הילך געטאָן.

און דאָ איז דער קריזיס געקומען
מיט אליקן כריאשטש אף די ציין,
מיטן כאָלעם פון ברויט פארן גומען,
מיט דער וואָר, ווי א נאקעטער ביין.

און בלאנק — מיט הונגער אף באקציינער —
אין פאכעד פאר אונטערגאנג —
איז אוועק אין „טאָג"־רעדאקציע
און פארקויפט דאָרט א שונד־ראָמאן...

9. ביי די קולטוריסטן.

גליען וואכן, ווי הייסע רונגן,
איז אין אומקום אוועק א יאר —
און בלאנק'ן האלט נויט און הונגער
פארשטשעמעט אין בייניקער וואר.

ס'איז נישטא מער קיין עמיגראציע —
און דער קריזיס — ער וואקסט ווי א קרעבס —
און עס פאלט און עס פאלט צירקולאציע —
און עס בייגן זיך נידעריק קעפ...

עס טרינקט זיך דאס אידישע שיפל,
צעקלאפט אפן קריזיס־שטיין —
איז רופט־איין א „פאלקס־אסיפע"
דער י. ל. פערעץ — שרייבער־פאריין.

און אט איז געקומען דער אוונט.
עס גלאנצן קולטורישע פניי.
מע רעדט און מע טיילט זיך מיט קאוועד —
און מע כאנפעט איסט־בראדוויי.

מע מונטערט מיט באנקעם דעם בארמינאן,
מע טרייבט מיט א שפרוך דעם גזאר —
און מע טוט־אן א זיידענע יארמולקע
אף דעם ברודיקן פרעסע־פארך.

מע דרייט מיט די גלאטיקע לעקערס,
און מע כויזעקט פון בירא־בידזשאן,
מע זידלט די היגע יעווסעקעס,
און מע בילט אפן ראטנפארבאנד...

בלאנק זיצט, ווי אין טראנס פארסטארטשעט
אין פרעזידיום — צווישן די פניי —
און עס דליבעט א ווארעם אין הארצן:
—„וואס טוט ער צווישן זיי?!..." —

אף באבלומטער, באפאנטער עסטראדע
לייענט א גאדעל א רעפעראט —
און אין הארצן, ווי טויזנט נאבאטן,
קלינגט גרויליק ביי בלאנק'ן: —„פארראט!" —

10. שולדיק

האָט דאָוויד זיין שולדיק געווים
דערטרינקען אין לוסט געזוכט, —
נאָר עם בריט אים ווי הייסער פריסעק,
כאָנע'ס שטענדיקע אייפערזוכט.

האָט אָפּטמאָל אין מויעך ביי בלאַנקען
געבליצט דער געדאַנק פון טויט, —
האָט ער ווידער איר ליבע געשאָנקען,
ווי א בעטלער — א רייפטל ברויט.

האָט זי יאָרן דאָס גליק געקליבען,
ווי ברעקלעך פון א פרעמדן טיש, —
ביז אוועק איז זי זוכן ליבע
ביי אן אַלטן נאָוואָריש. 1)

אוועק און געלאָזט אים א קראַנקען,
אוועק ווי א דעזערטיר...
האָט דער עלנט דאָס הארץ ביי בלאַנקען
מיט פראָסטיקע פינגער באַרירט.

האָט דער שטויב פון דער צייט פאַרפּאַראָשעט
און פון הארצן איר זייכער פאַרווישט.
און ס'געזיכט אירס אין רעמל אין פּאָשעטן
איז אַף אייביק אַראָפּ פון זיין טיש.

קלינגען טעג, ווי א טעמפּער ניגון —
און געוואָרן איז דאָוויד'ן קלאָר,
אז געווען איז א הוילער ליגן
זייער לעבן פאַר קנאַפּע צען יאָר.

ווייל דורך ייעש און פּיין און פּאַראיבל,
דורך סינע און גאַל און גיפט,
געווען איז אים בלויז איר ליבע,
ווי א שטורעם — א פּאָרט פאַר א שיף.

נאָר געפּענטעט אין אייפער־שנורן,
אין געאַנקערטן פּלען פון פּאָרט, —
געבייגקט האָט זיין הארץ נאָך שטורעם,
נאָך דער ליבע פון געניאַ שאָר...

1) — אַן אויפגעקומענער גוויר.

11 אין נעגל פון טויט.

א. אונטער שוואַרצער פּאָן.

גענוען איז פאַרנעפּלט זיין מאָרגן,
זיין נעכטן פאַרבעלמעט און רויט —
און ס'האָבן אים שאָטנס געוואָרגן
מיט לידער פון אומקום און טויט:

— איך ווייס: שוין נישט לאַנג וועל איך אומגיין
אף דער ערד מיט א שטאָלצן קאָפּ...
איך שפּיר שוין די טריט פון אומקום,
איך הער שוין דעם טויטיס גאַלאָפּ.

— נאָך טראָג איך מיט אייך דאָס מיצל
מיטן דרייעק, מיט גלעקלעך, מיט אלץ, —
נאָר איך פיל שוין דעם שלייף פון היצעל
אף מיין טרויעריק־דינעם האלדז.

— עס צאַנקט שוין דער קנויט פון מיין געזע
אין מיר, ווי פאַרטאָג א לאַמטער —
די צייט, ווי א גרויזאַמער בעזעם,
וועט פאַרווישן מיין שפּור פון דער ערד.

— זאָל זיין אז געוואָלט האָב איך וועבן
מיינע לידער פון האָניק און גאָלד, —
נאָר מיט גאל פון מיין ראשיקן לעבן
האָב פאַר יעטווידן ליד געצאָלט. ....

— זאָל זיין, כ'האָב פון בונט און פון יאָנטעוו
געשפּונען די טעג און די נעכט, —
נאָר מיין הארץ האָט אין פיין זיך פאַרפּלאָנטערט,
ווי א הירש אין צווייגן־געפלעכט.

— זאָל זיין אז די הייליקסטע טפילע
איז אַף ליפּן פאַרשטאַרט אין געשפּעט, —
איך בין גרייט צו דער לעצטער טווילע
אף געלייטערטער טאַרע־ברעט.

— ווייל דער טויט — אונדזער לעצטער מאָנער —
שטייט שוין גרייט, שטייט שוין גרייט אויבנאָן...
כ'בין ארויס אונטער רויטע פאָנען —
און פארגיי אונטער שווארצער פאָן!...

ב. אַ נאַסער טוך.

עס שמעקן מיט טויט און מיט שווידער
די שפּיטאָלן פון גאָר דער וועלט.
דאַוויד ליגט אין אַ טונקעלן כיידער
מיט בעטן, ווי טרונעס, צעשטעלט.

זיין גוף איז פון וואשן און מעסטן
פארמאטערט און דורכזיכטיק־דין —
און עס גרייט אים די קראַנקנשוועסטער,
ווי אַ באַרמינאָן — צום יאָמהאַדין.

בליט אַ האָפנונג, ווי צוויט, אין האַרצן,
הייגגן בליקן אויף כאָלעל פון טיר...
ביז אַ רעגע פאַר דער אָפּעראַציע
האָט ער, כאָנע, געוואַרט אויף דיר!

און דערנאָך איז געקומען אַ וואָלקן
און אים מאַמעדיק איינגעהילט...
ס'האָבן ערגעץ געהודיעט פאָלקן...
ס'האָבן ערגעץ קאַנאָנען געהילכט...

מיט אויגן, צעפּראַלט פון פּאַכעד —
זינקט בלאַנק אין אַ זומפּיק געזאַנק...
און עס קריכט, ווי אַ טשערפּאַכע,
אויף אים אַ געפּאַנצערטער טאַנק...

ס'האָבן רעגעס געטיקט און געקאַפּעט
אין דער אייביקייט — טראָפּ נאָך טראָפּ —
און דערנאָך האָט אַ האַרטער דראַפּיטש
אים אויסגעקערט אַלץ פון קאָפּ...

און דערנאָך האָט באַדעקט זיין באַוואוסטזיין
אַזאַ נאַסער און קאַלטער טוך —
און הויך האָט אין כאָלעל אין פּוסטן
אַליין זיך געבלעטערט אַ בוך...

און דערנאָך האָט דער טוך דער נאַסער
ווי פּריסעק אויף ליפּן געברענט...
ר'האָט שטיל זיך געבעטן: „וואַאַאַסער!"...
און ס'האָבן געגלעט אים הענט...

ג. ביי דער מאַמען.

גליען טעג, ווי די הייסע יאָדערן,
און עס רוישט נאָך אין קאָפּ א געהוד...
נאָר עס ריזלט מיט קראַפט אין די אָדערן,
ווי פרילינגשע ריקעס, דאָס בלוט.

עס גיסט זיך זיין גוף אָן מיט קרעפטן,
און דאָס לעבן —א פריידיקער קאָס
שוימט אוף... אפן טאָג אפן עלפטן
האָט בלאַנק דעם שפיטאָל פארלאָזט.

ס'האָט די אלטע צעבראָכענע סערקע
פון שפיטאָל אים אהיימגעבראַכט,
(זי איז שוין פינף יאָר אין אמעריקע!)
און וואכט איבער אים טאָג־ווי־נאַכט.

ער ליגט נאָך אין בעט, ווי א גליבע,
און קרימט אָפט פון ווייטיק דאָס מויל,
נאָר די מאַמישע, טרייע ליבשאַפט
טריפט אף בראַנדיקע וואונדן, ווי אויל.

ס'האָט די מאַמע די צאָרעס פארגעסן,
ס'האָט די מאַמע פארגעסן די נויט...
יעדן טאָג, ווען זי זעט אים עסן,
לויכטן אוף אירע אויגן מיט פרייד.

און אָפט אין זיין שלאָף אין געקלאַמערטן
מיטאַמאָל דערפילט ער א גלעט...
ר'כאַפּט זיך אוף — זיין פרומע מאַמע
שטייט איבער אים אין געבעט...

ס'וויים די מאַמע, ס'וועט דאָוויד'ן קריינקן,
אז ער גלויבט נישט אין טפילעס און שפּרוך...
בייגט זי איין זיך צום ביכער־שרענקל,
ווי געזוכט וואלט זי קלאַמערשט א בוך...

קריכן שנייאיקע טעג, ווי מילנערס,
פאַלן נעכט, ווי די וועלשענע נים —
האָט די מאַמע אים גוט געפילנעוועט
און שנעל אים געשטעלט אף די פיס...

11. עלנט.

קריכן טעג און שאָען קאָפּן
טראָפּ־נאָך־טראָפּ, ווי רעגן — אַף שטיין —
דאָוויד זויגט, ווי אַ בער — זיין לאָפּע,
זיין עלנט — זיין נאַקעטן ביין.

ווי אַ העפקערער וואַלדישער שייטער,
ברענט כאַראַטע ביים שוועל פון זיין טיר...
דאָוויד וואוינט ביי דעם „באָרדוואָק" אין ברייטאָן
און נעמט יעדן טאָג אַ שפּאַציר.

אין ייעש, אין פּיין און אין מאַרטער
זינקט זיין האַרץ, ווי אין זומפּן אַ שטיין,
און דאָס לעבן, ווי סיליסטאַרטער,
אַליקט אַף זיינע ציין.

יאַטרען וואָכן, ווי בלויע געשווירן,
פּליסן טעג — ווי טערפּקער ווייַן...
אָפּט באַגלייט אים אַף וויַטע שפּאַצירן
זיין שטעקן — זיין איינציקער פריינט.

ס'טריפט דער סקעפּסיס פון זיינע ליפּן,
ווי וואַסער פון מוישע'ס שטיין —
זיי שפּאַנען... און טריט־טראָט סקריפּן
אַפן שניי, ווי צוקער — אַף ציין...

ס'אַרא פרייד!... ס'אַרא שנייאיקע ראַכוועס!...
ס'אַרא בלענדיקער טרוים אַפן וואָר, —
ווען עס פּלאָנטעט זיך ווינט אונטער פּאַכוועס
און פאַרלירט זיך אין פּאַסמעס פון האָר!...

ווי אַ לעץ אין אַ פוטערנעם מיצל
מיט אַ ווייסן, צעשויבערטן קנופּ, —
הייַנגט דער ווינטער אַף נאַקעטע שפּיצן
פון וואַקלדיקן „לופּ־דע־לופּ".

איבער הייזער מיט האָרביקע רוקנס
גלאָצט מיט אויגן פּאַרלאָשענע שטאַר,
ווי אַ נאַקעטער היטל־צוקער,
דער טורעם פון „לונאַ־פּאַרק".

שטייען שטיל די עלעקטרישע רעדער,
ווי אוויילים, — פאַרשעמט און פאַרלאָזט, —
און עס שטאַרן די שילדן פון בעדער,
באַהאָנגען מיט פראַנזן פון פראָסט.

און אריבער צעווינטיקטע פענער,
איבער יאַם פון צעפּלעטשטע נעז
גרינצט מיט ווייסע, צעווירעטע ציינער
דער קלאָון פון „סטיפּעלטשעז״.

ליגט דער שניי אױף די ברעטער טאָק־ווייס
אונטער שאָרכיקן טופּ פון פיס —
און עס סקריפּעט אױף אייזערנע קראָוועס
דער הילצערנער שלאַנגגריז.

און אין בלענד פון פאַרנאַכטיקע שנייען
דערטראָגן זיך ראַשיק און פלינק
צעווינטיקטע פרייד־געשרייען
פון בליציקן „סקייטינג־רינג״.

און הויך איבער פראָסטיקע דראָטן
צירקלט איינזאַם אן עראָפּלאַן
און וואַרפט א געקרייציקטן שאָטן
אױפן ווייסן ברעטערשפּאַן.

בלאַנק באַגריסט דעם באַזיגער פון הייכן
מיט אַ פריידיקן פלאַטער פון האַנט:
עפשער קומט ער אים ברענגען א צייכן,
פון א לאַנג־שוין־פאַרגעסן לאַנד?...

עפשער פירט ער דורך וואָלקנס דורך סיווע
אין געלע אין לעדערנע זעק
א קליין און א וואַרעם בריוול
פון א פריינט אין אַ וויטן וועג?...

עפשער איז ער אהער פאַרפלויגן
מיט א גרוס אין זיין פלינקן מאָטאָר:
פון דער מיט די גאָלדענע אויגן,
פון דער מיט די רויטע האָר?!...

ב. פאַרלאָשענע טרוימען

אומזיסט געווען די גאַנצע גריבלעניש,
אומזיסט — דער זעלישער קאָנפליקט...
דערגרייכטע ליבע איז קיין ליבע נישט,
דערגרייכבאַר גליק איז נישט קיין גליק.

1. אין וועג.

ס'האָט נויאָרק צווישן שטיינערנע מויערן
בלאַנק'ן געהאַלטן צען יאָר —
איז וויפל דער שיער צו זויערן
אף איין־און־דעמזעלבן אָרט?...

געלאָקט האָט זיין הארץ דער וואנדער,
איז ער ווידער אין וואָגל אוועק:
פון נויאָרק און ביז לאָסאַנגעלעס,
פון מיאַמי ביז וויניפּעג.

מיט גאסטפריינטלעכקייט פאר נויאָרקער
איז באַרימט אונדזער ליבע פּראָווינץ:
קומט אַ דיכטער — איז קוידעם באזאָרגט מען אים
מיט קאָוועד לאָראָוו און מיט מינץ...

מע זיצט און מע וואַרט אף היסגאַלעס
פון אַ נייעם מאָשיאַך־פּאָעט,
מע קוויקט זיך מיט גייסטיקן דאַלעס
און מע רייניקט פּאָעטישע גרעט...

האָט בלאַנק אף פארשימלטע מיסטן
געוואַלגערט זיין וואָרט און זיין ליד:
אין די „שאַפּקעס" פון קולטוריסטן,
אין די „פּאַרלאָרס" פון „שיינעם איד".

און נישט איינמאָל האָט אים געעקלט,
און געקערט האָט מיט גרינער גאַל
צו קלייבן פון טישן די ברעקלאַך
און זיי טונקען אין טרער, ווי אין זאַלץ...

2. אַ לעקציע.

צאַנקן גאָלדענע שקיעס און גויסעסן,
שווימט לעװאָנע — א זילבערנע שופּ —
אַנאַנסירט מען א לעקציע אַף שבויסענאַכטס
אין לאָסאַנגעלעס אידישן קלוב.

האָבן װײַבער געגרייט זיך װאָכן
און איבערגעפאַרבט די האָר, —
װײַל מע שמועסט: ס'איז א שיינער באָכער
דאָװיד בלאַנק — דער פּאָעט פון נויאָרק.

ס'קומט שאַבעס — דער קלוב איז מיט בלומען
מיט פּאַפּירענע אויסגעצירט —
און דער אוילעם האַלט ראַשיק אין קומען,
און שטייט נאָך דערווייל ביי דער טיר.

בלאַנק קוקט אַף די פּיסנע פּענימער
און עס װערט מיטאַמאָל אים קלאָר:
װער זענען מיר דאָ און װאָס זענען מיר —
און װער דאַרף עס דאָ אונדזער װאָרט!...

ער הייבט אָן מיט פּאַטאָס און גלויבן,
נאָר עס גענעצט האַלב־ליידיק דער זאַל —
און ער פּילט, װי אַף אויערן טויבע,
װי א שטיין — יעדער װאָרט פאַלט.

האָבן רעגעס געשלעפּט זיך װי פּענטעס,
האָבן װערטער געקלעפּט זיך װי קיט, —
געקאָנט האָט ער קוים פאַרענדיקן
אין טרערן דאָס לעצטע ליד.

געקאָנט האָט ער קוים ביי זיך פּויעלן
דערציען זיין װאָרט ביז דער ענד —
װען פּלוצים האָט ער צװישן אוילעם
א פּאָנים א מאָדנע דערזען.

געגלויבט האָט ער קוים זיינע אויגן:
איז דאָס מעגלאָך?... װי קאָן דאָס זיין?...
זיין כאַװער?... זיין אַרטשע קויגען?...
זיין אַמאָליקער יוגנטפריינט?...

3. אַרטשע קויגען.

פּאַרענדיקט — און אראָפּ פון האַרצן...
דער קאָפּ — ווי אַ קאַרוסעל...
האָט דאָוויד גענומען אַרטשע'ן
און ז'אַוועק מיט אים אין האָטעל.

ווי ליב ס'איז אין נאַוועגאַדן
צו פילן אַ כאַוועריש באַריר!...
—„וואָס־זשע מאַכן די וועלט־נאָמאַדן?"—
—„און וואָס הערט זיך, אַרטשע, ביי דיר?"—

בלאַנק קוקט אַף זיין אַלטן כאַווער
מיט נייגיר און פריינלאַכער פרייד:
ס'האָבן יאָרן אַ געלן זשאַווער
אַף זיין פּאָנים אויסגעשפּרייט.

—„געדיינקסטו אין לעצטן וואַנדער
דעם געשפּרעך אין פּאָרט־סאַאיד?...
גערעדט האָב איך ווערטער אַנדערע,
געזונגען אַנאַנדער ליד.

אַך, ווי גליקלעך געווען איז מוישע
צו שטאַרבן ביים גרעניץ פון לאַנד,
ווי שווער וואָלט געווען זיין אַנטוישונג,
ווען ער וואָלט אַריין קיין קנאַאַן! 1)

—„מ'האָט פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן,
פאַרווישט הינטער זיך יעדן שפּור —
און אַף נייע, אַף ראָזעווע גליקן
מיט האָפנונג זיך אָנגעגורט.

—„מ'איז געקומען מיט וואונטשן מיט נאָבעלע,—
מ'האָט געגרינדעט אַ קוואוצע „איינדאָר"—
און אין קנאַאַן געביינקט נאָכן קנאָבל,
נאָכן פלייש, ווי דער מידבער־דאָר.

—„מ'האָט באַשלאָסן צו ווערן פּויערים...
איצטער טו נאָר, איך בעט דיך, אַ קלער:
אַ קוואוצע פון לויטער דאָקטוירים
אַף האַרטן און שטיינערנער ערד!...

מ׳האָט געוואוינט אין ציגײנערשע שאַטרעס,
ווי די אידן אין מידבער — אַמאָל —
און געמײנט אז דערמיט וועט מען ראַטעוון
דאָס אָרעמע פאָלק ייסראָל.

—„מ׳האָט געאַרבעט בידכילע אורכימע, 1)
געפּראַצעט פון פרי ביז שפּעט —
און צום סאָף — ס׳זאָל כאָטש זיין א סימען
פון עפּעס א שטיקל גערעט.

—„איז וואָס טויג מיר דער ליכטיקער דרויסן
מיטן הימלס בלויאויגיקער טיף —
קאָן מען הריזען די שטײנער פון קויסל,
די הייזער פון טעלאָוויוו?...

— „כ׳האָב פּאַרפּאַקט מיך מיט האקל־באַקל,
ווי א רויבער ביינאַכט, אין געהיים —
און בין ווידער אוועק אין מערכאָקים —
זוכן א נייע היים.

—„כ׳האָב צעווייעט מיט צאַר און מיט ווייטיק
אַרום זיך דעם ציען טשאַד
און געלאָזט זיך אַף לײנגן און ברייטן,
אַף עלנט און נאַווענאַד.

—„וואוהין לאָזט זיך א איד אין היסטעריקע,
וואוהין צילט ער זיין מידן שפּאַן, —
אויב נישט אין דער ווייטער אמעריקע,
אויב נישט אין דעם גאָלדענעם לאַנד?...

—„איז אוועק א סעדרע גריזאָטע
מיט וויזעס, מיט צאָרעס, מיט שלעק, —
ביז ס׳האָט מיר דערלויבט די קוואָטע
צו לאַנדן אַף היגן ברעג.

—„נו, געקומען אהער בעשאָלעם —
וואָלט שוין אַלץ געווען וואויל און גוט:
אין נעשאָמע — א נייער כאָלעם,
אין הארצן — פרישע מוט.

1) — מיט היילקן פלייס.

—„איז אין אָנהייב מיר דאַווקע געפעלן
קאָלאָמבוסעס זאַטע קעסט.
כ'האָב געקראָגן א גוטע שטעלע
און געפילט, ווי א פויגל אין נעסט.

—„געוועזן איז דער נייער גאָלעס,
ווי אַ מאַמע די ערשטע פּאָר יאָר:
כ'האָב אַפילע אַ פּאָר טויזנט טאָלער
אױף מיין שטעלע אָפּגעשפּאָרט.

—„מיט דער צייט האָב איך איינגעהאַנדלט
א פּאַרדעס פון „גרייפּ־פרוט" בעזאָל —
און פאַרגעסן די צאָרעס פון וואַנדער,
און געמאַכט זיך דאָ־הי ערעצייסראָל.

—„ איז געקומען דער שרעקלאַכער שטורעם,
ווי אין טייוועס — א דונערקנאָל...
נישט געהאָלפן קיין טאַינעס, דיבורים:
האיטאָכן?... וואָס הייסט?... און געוואָלט!..

—„ס'האָט דער קריזיס דאָס לעבן צעשאָקלט,
ווי א מויז ביים עקל פאַרקלעמט...
בין איך ווידער ארוים דאָ נאָקי, 1)
געבליבן אין הוילן העמד.

—„שוין א יאָר — ס'איז נישטאָ קיין פאַרנאָסע —
איז ביטער, מיין פריינט, ווי דער טויט...
דאַרף מען ווידער שוין זוכן א ספּאָסיב 2)
צו קריגן א שטיקל ברויט.

—„ איז וואָס זאָל איך לאַנג דאָ ברייען, —
ס'וואָלט עפּשער געווען א פּלאַן:
זיך לאָזן אין וואַנדער אין נייעם,
זיך לאָזן קיין בירא־בידזשאַן?

—„ווי ס'דערציילן אונדז דאָ די גאַזעטן,
איז דאָס מאַמעש א לאַנד — א גליק.
און דערצו פּלאַנען דאָרט די סאָוועטן
א אידישע רעפּובליק"... —

1) — ריין, הויל און בלויז.
2) — מיטל.

* * *

ס'האָט ארטשע א ווײלע געשוויגן,
דעם טעפּיך געגלעט מיט די פּיס —
און פּלוצים האָט ער זיך צעשריגן:
כ'האָב, דאָוויד, פאַר דיר אַ סורפּריז!

—„ס'וועט עפּשער די נײַס דיר נישט אײַנגײַן
און וועסט עפּשער נישט גלויבן — ס'איז וואָר...
דו ווײסט, ווער ס'איז דאָ אין לאָסאנגעלעס??...
— י ע װ ג ע נ י א מ י כ א י ל אָ װ נ א ש אָ ר.

—„ איך האָב זי באגעגנט אנומלט
דאָ־הי אַף אַ רוסישן באַל.
זי איז מיט איר מאַן געקומען,
א געוועזענעם גענעראַל.

—„ז'האָט געטראָגן אַ קלײד אַ מזאראָווע, 1)
מיט אַ שלעפּ, געשלײַנגלט און שווער, —
הײסן הײסט זי איצט דזשין אינסאראָווא —
און איר מאַן אין אַ פּילם־רעזשיסער.

—„און גענדאַרפט האָסטו זען אַ גאַנגעלע,
און גענדאַרפט האָסטו מערקן אַ שטעל:
מע שמועסט, אַז אין גאַנץ לאָסאנגעלעס
טראָגט זי דעם רײַכסטן פּעלץ...

—„אַ דינע, אַ שלאַנק־און־גרינג־פּיסיקע,
מיט אַ קאָל, ווי דער קלאַנג פון אַ פלייט:
נישט קײן פרוי — נאָר אַ רויטע פּיסאַנקע, 2)
נישט קײן פרוי — נאָר אַ טרוים אין אַ קלײד...

—„ווי געפעלט דיר דער שפּרונג דער גיגאַנטישער
פון בערשאַדער רויטן „נאַטשדיוו”? 3)
האָט זי נישט באַשטעטיקט דעם קאַנטישן
קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו? 4)

1) — כוואַליעדיקער קלײדער־שטאָף.
2) — אַ געפאַרבט איי. ..
3) — הויפּט פון אַ דיוויזיע. ..
4) — לויט דער קאַנטישער פילאָזאָפיע — אַ געזעץ פון אייגעבוירענער מאָראַל, וואָס באַשטימט דעם מענטשנס וועג אין לעבן. ..

4. אין האַליוואוד באַל.

בארג אראָפּ — איבער שטייניקע ריסן,
אין פאַרקישעפטן פּלען פון טאָל
האָט צעשפּרייט זיך — א ריזיקע שיסל —
דער גיגאנטישער האַליוואוד באָול.

טונקל פעלד. און א בינע אין בלויען.
און טשאַיקאָווסקי׳ס „אכצן־צוועלף״.
און פאַרביינקטע פידלען וואָיען,
ווי אין שניי פאַרבלאָנדזשעטע וועלף.

ס׳איז שטיל. און אין פריידיקן הערן
פאַרקישעפטע זינקן קעפּ —
און עס צינדן זיך פלעמלאך, ווי שטערן,
צווישן אוילעם אף שטיינערנע טרעפּ.

בלאַנק צעוואָרפט זיינע בליקן, ווי פיילן:
אין דער הויך — אף די טרעפּ פון פּאָרטאַל —
צווישן ווייסע, געשניצטע זיילן
א בויגיקע פרויען־געשטאַלט.

ס׳איז גרוים ביים ארויסגאנג ס׳געזעמל.
און פּלוצים — אין מענטשן — ווירוואר —
א געזיכט, ווי א בילד אין א רעמל...
(נישט ציטער, נישט פּלאַטער, הארץ!...)

ביי דער בינע א פּאָר מוזיקאנטן
אין געשפּרעך וועגן פּאַרטיטור —
לעבן זיי — אין א ווייסן מאנטל
א בויגיקע פרויען־פיגור.

אין א קלייד פון אָליוויקן אטלעס
מיט א קורצן געפּעלבטן שלעפּ —
און עס פלאַקערן רויטע פּאַטלעס
צווישן שוואַרצע און גרויע קעפּ.

איבער הארצנס צעשטורעמטע וועגן
האָט גאָרנישט קיין שליטע די צייט:
אַמאָל איז אַן איינציקע רעגע
מער ווי אַן אייביגקייט.

1) — אַ קאָנצערט פּלאַץ אין האַליוואוד. ....

ס׳האָט בלאַנק נישט געקאָנט נאָך באַשליסן:
צי כאַלעם איז דאָס, צי וואָר, —
ווי א גייסט פאר אַ שולדיק געוויסן,
איז געשטאַנען פאר אים געניא שאָר.

געבליבן איז ער ווי געפּעגטעט
א רעגע, צי צוויי — נישט מער —
ס׳האָבן אויגן, ווי צוויי אָקרעגטן,
זיך באַגעגנט — און אָפּגעקערט...

—„אך, דאָוויד, וואָס שטייסטו פארסטאַרטשעט,
וואָס קוקסטו אזוי פארווירט? —
ערשט פריער א וויל האָט ארטשע
מיר אַלעם דערציילט וועגן דיר״...

—„איך ווייס: ביזט א מענטש איצט א וויכטיקער
מיט א נאָמען אין דער ליטעראַטור —
מיט איין וואָרט — א באַרימטער דיכטער —
און דאָ ביזטו איצט אף א טור.

—„אך, איר קאָנט דאָך נישט איינער דעם אנדערן...
זייט באַקאַנט, מיינע פריינט, זייט באַקאַנט:
מיין לאַנדסמאַן דאָוויד אַלעקסאַנדראָוויטש
און וולאַדימיר אינסאַראָוו — מיין מאַן! —

בלאַנק איז אַלץ נאָך געווען ווי מעוואולבל —
און געגלאָצט אף די שפּיצן פון שיך...
—„איך וואוין איצט אף בעווערלי בולוואַרד — 1)
און איך האָף דיך צו זען ביי זיך״...—

און ס׳האָבן ווי בינען געזשומעט
די קאַסקאַדן פון אירע רייד:
—„איך וויל — דו זאָלסט מאָרגן קומען
אין ווילאַ צו מיר אף טיי״... —

און די האַנט, ווי א קרומען בויגן
צום קושן א שנעלן שטרעק —
און א בליאַסק מיט די גאָלדענע אויגן,
א קאָקעטישן נויג — און אוועק.

1) — א רייכע געגנט אין לאָס-אַנגעלעס.

5. ווילאַ „פּאַראַדיז".

ס'האָבן שלייפן געקלאַפּט, ווי טאַראַנען,
און דאָס האַרץ האָט געגליט, ווי א שפּיז, —
ווען בלאַנק איז אַף מאָרגן געשטאַנען
אַפן שוועל פון „פּאַראַדיז".

דורך טונקעלע קאָרידאָרן
און א ליכטיקן זאַל פּאַרביי —
און די פיס זענען שווערער געוואָרן,
ווי אָנגעגאָסן מיט בליי.

שווינדלען רויטע און גרינע טאַפּעטן,
און עס שפּרינגט — א פּרוזשינע — דאָס האַרץ.
און פּלוצים: — „מאַדאַם האָט געבעטן
אייך צו זיך אין בודואַר!"...

עס צעפּראַלט זיך א טירל... פון פאַנען
ציען רויכלעך... און האַרט ביי דער ערד —
א נידעריקע אָטאָמאַנע
אין קונציקן סטיל „מאָדערן".

צוויי ליכט אין די ווינקלען ברענען...
צווישן מעבל — לואי קאַטאָרז —
צווישן קישנס און גאָבעלענען
א דראַפּירטער פרויען־טאָרס...

ער בלייבט שטיין איבער איר געבויגן,
און קוים וואָס ער מערקט איר געזיכט.
עס ברענען בלויז גאָלדענע אויגן,
ווי סומנע לאַמפּאַדע־ליכט.

די לופט מיט טערפּקע פּאַרפיומען
איז פול, ווי א בלויער פוכיר...
און פּלוצים: — „א דאַנק דיר פאַר קומען,
זעץ זיך נענטער אהער צו מיר. —

—„געדיינקסטו די וואַלדיקע פּוסטקע
מיטן טערפּקן גערוך פון יאַסמין,
און די בערשאַדער נעכט, די לוסטיקע
און דעם האַרבסטיקן, לעצטן באַגין?...

—„געדיינקסט, ווי מיר זענען געזעסן
ביי מיין טאַטן אין הארבסטיקן סאַד...
ס'איז אפשער פאַר דיר א פאַרגעסענער
און לאַנגווייליקער עפּיזאָד?...

—„ס'האָט די יוגנט געשמעקט דאַן מיט לאַנדיש
און דאָס לעבן האָט געשוימט ווי ביר.
געוואָלט האָסטו דעמאָלט נישט אַנדערש,
נאָר כּאַסענע האָבן מיט מיר...

—„יע, קוק נישט אזוי נישטוימעם,
ווי א בלינדער, וואס דערזעט די זון, —
געכּאָלעמט האָט פאַרביקע טרוימען
אין דער יוגנט יעדער פון אונדז.

—„איז געקומען דער רויטער אָקטיאַבער
מיט פיבערדיק־הייסן שפּאַן
און האָט ווי דער ביבלישער מאַבל,
פאַרגאָסן מיט בלוט דאָס לאַנד.

—„און ס'האָט זיך מיט פּעך און מיט רויכן
מיט בלוט און מיט שוועבל־גאָס
די שטראָף פון דער גאַנצער טויכעכע
אַף בערשאַד ארונטערגעלאָזט.

—„איך געדיינק נאָך דעם שווערן געראַנגל
מיט זיך — לעבן וואָלאָסט... אין שטאַל...
די נאַכט מיטן באַטקאָ אַנגעל...
און דעם בליאַסק פון קאַלטן קינזשאַל...

און שפּעטער: — אין פלאַם האָריזאָנטן...
און איבער דריי הייסע יאָר
אַף אַלע געפּערלעכע פראָנטן
האָרודעוועט געניא שאָר...

—„און דערנאָכדעם — די טעג די אָדעסער,
די דערוואַכונג פון גרויזאַמען טשאַד...
אָך, יע!... איך האָב שיער נישט פאַרגעסן:
גערופן האָסטו עס פאַרראַט.

—גלויב מיר, דאָוויד, דער מענטשנס פּאַטום
איז גרויליק, ווי בלוט אַף שניי...
נישט געמיינט האָב איך דאָן צו פאַרראַטן
נישט דיך, נישט די רויטע ארמיי.

—„כ'בין מיט „רויטע" אוועק צו פאַרגעסן
אנגעלם נאַכט און מיין פאָטערס טויט...
איז אינגיכן אַף טויט מיר דערעסן
האַקן קעפּ, ווי די הייפטלאַך קרויט.

—„כ'האָב דערפילט: נישט דורך טויטלעכע וואָפן,
נישט אין בלוט וועל איך קילן מיין האַרץ...
געהאַט האָב איך אַנדערע האָפנונגען,
כ'האָב נאָך אנדערע טאַטן געגאַרט.

— „געווען בין איך מיד פון שלאַכטן,
געווען בין איך מיד פון בלוט, —
האָט אין ליבע דאָס האַרץ דאָס דערוואַכטע
געזוכט א פּאַראַשוט.

—„און דו האָסט אין בלענד פון געפעכטן,
אין שיקל פון גרויזאַמער וואָר
געהאַסט אין מיר ס'גווירישע טעכטערל,
פון פראָצענטניק מיילעך שאָר.

—„געווען איז מיין זעל צעיאַטרעט,
האָב איך האַסטיק פאַרלאָזן אָדעס.
כ'האָב נישט דיך, נישט דעם קאַמף נישט פאַרראַטן —
ס'איז געווען בלויז פאַרצווייפלטער זשעסט...

—„כ'האָב געוואוסט, אז דו וועסט נישט פאַרגעבן...
און זינט דאַן, — ווי דער זעגל — דעם מאַסט, —
האָט באַגלייט מיך דאָס גאַנצע לעבן,
ווי א קלאָלע, דיין פינצטערער האַס.

—„זענען יאָרן פאַרפעצטע און נימעסע
געשוואומען אין קויט און אין קרעץ,
ווי פיש אַף א ווייסן פּאָלימעסיק
אין פאַרגליווערטע פליאַמעס פעטס.

—„ס'האָט דער גורל מיט מיר געצירקלט,
ווי די האַנט מיט אַ פּילקע אין רוים, —
אין אַן אַלטן פראַנצויזישן צירקוס
האָב איך לייבן און טיגערס געצוימט.

—„יעדן אָוונט, פון פאַכעד באַצויבערט
און פאַרביטערט פון נוצלאָזן ריסק,
האָב געררוקט מיין קאָפּ, דעם צעשויבערטן,
אין צערעפּעטן לייבן־פּיסק.

—„און אין ספּאַזמישער שרעק פאַרצאַפּלט,
האָט דער אייביק־ברוטאַלער האַמוין
מיט צעקלויצעטע, געלע שוואַרצאַפּלען
אַף אַן אומגליק געוואַרט און געשטוינט.

—„און מיט בלוטדורשט פון טויזנט לוקרעציעס 1)
האָט געיובלט דער צירקוס־זאַל,
ווען מיין גוף האָט אַף הויכע טראַפּעציעס
זיך געוויגט אין אַ סאַלטאַ־מאָרטאַל. 2)

—„איז שוין ליבערשט געווען אין די שטייגן
דער כאַיעשער ברום און האַווק, —
ווי דאָס שטומע, אַרומיקע שווייגן
פון גלאָצנדיקן ערעוואַוו.

—„ס'איז אָפּטמאָל גענוג אַ סונעסטיע,
אַ צופאַל, אַ שפּיל אין אַזאַרט
צו דערוועקן די גרויזאַמסטע בעסטיע
אין דעם נאָבלסטן מענטשלאַכסטן האַרץ.

—„וויפיל מאָל האָב איך אייזערנע רינגלען
געצערטלט מיט פריידיקן גרויל —
אַ לאָז טאָן די לייבן און טיגערס
אַף צעיושעטן מענטשנקנויל...

—„ווילסט וויסן: וואָס ווייטער?... וואָס ווייטער?
נו, וואָס איז דער כילעק?... אַלציינס
האָט דאָס לעבן, ווי ביטערע קרייטער,
זיך געאַליקט אַף מיינע ציין.

1) — די טאָכטער פון רוימישן פּויפּסט אַלעקסאַנדער דעם זעקסטן, באַרימט אין דער געשיכטע מיט איר זנוס און ברוטאַליטעט.
2) — טויטנשפּרונג.

—„און אַלץ, וואָס כ'האָב אויסגעפונען
אין מיין לעבן, איז (גלויב צי נישט גלויב!)
אז אין שטרייט צווישן ערד און זונען
איז דער מענטש בלויז א קרישקעלע שטויב.

—„אַז עס וואַרגט זיך מיט אורשרעק און מוירע
אין דער נאַכט דעם קינדס געשריי,
און אז אומעטום קלאַגט אַף זיין גוירל
דער מענטש ווען עס טוט אים וויי...

—„אַז אין לעבנס אין מיסטישן צירקל,
אין צעשטערנטן ראָד פון נאַטור
צוויי קויכעס געהיימע ווירקן:
דער טויט און דער ווידערגעבורט.

—„אַז דער טויער פון טויט איז פאַרשלאָסן
מיטן זיגל פון גרויזאַמען האַר,
אַז אין שטרייט צווישן אָוואַר און אָסיד
איז אַ קאָרבן די קעגנוואַרט.

—„האָב איך יאָרן פאַרשאָלטענע זיבן
זיך געשלעפּט איבער לענדער און שטעט —
און געווען איז דער הונגער נאָך ליבע
שטאַרקער פון טאַיווע־זעט.

—„נישט געקאָנט האָב איך צוימען די טאַיווע,
ס'האָט דאָס לעבן זיך זיין געבאָט:
וואָס צום טייוול — באַלאַנגט צום טייוול
וואָס צו גאָט — באַלאַנגט צו גאָט.

—„האָבן יאָרן געוואָיעט, ווי צויגן
ביים שיין פון לעוואָנע ליכט —
און פאַרפאָלגט האָבן מיך דיינע אויגן
און דיין מאָגער, מאָנגאָליש געזיכט.

—„האָט מיין לוסט ווי א בראַנד זיך געצונדן
אין הארצן פון פּריסט און פאַקיר —
דורך די לײדן פון מענער פון הונדערטער
האָב איך מיך גענויקעמט אין דיר...

—„נאָר אין צווייפל, אין פּיין און אין ביטול,
אין פאַל, אין עקסטאַז און אין זיג
איז די ליבע געווען בלויז א מיטל
צו פאַרטרייבן די לאַנגווייל־פליג.

—„אין די דזשאָנגלס פון אביסיניע,
אין טראָצקי'ס געפאַנצערטן צוג,
אין יעטווידער ספּאַזמע פון סינע,
אין יעטווידן ליבע־צוק.

—„אין די אָרעמס פון באַטקאָ אנגעל,
אין די שלאַכטן פון בירגער־קריג,
האָט מיין מויעך געפּיקט דער לאַנגווייל,
ווי טיטוס'ן — די קופּערנע פליג.

—„און אָפט צווישן רייכסטע פּאַטראָווּעס
האָט פאַרביינקט זיך נאָך פּיסנע ברויט, —
דעמאָלט וואָלט איך געשיינקט אַלע טאַיווּעס
פאַר דער ערשטער ליבע־פרייד.

—„דעמאָלט וואָלט איך די שענסטע געצעלטן
און דעם רייכסטן און טייערשטן שלאַל,
דעמאָלט וואָלט איך געשיינקט אלע וועלטן
פאַר דער פּוסטקע אין ברעשאַדער וואַלד.

—„האָבן יאָרן געשפּריצט ווי שאַמפּאַניער,
נאָר אין גרויע, אין שלאָפּלאָזע נעכט
דער געשפּענסט פון עראָטאָמאַניע 1)
האָט געשראָקן, ווי געלע זעכט.

—„וואָס ווייסטו פון פינצטערן טאַינעג
פון זויגן קאָקאַאין,
ווען דעליריום נאָגט דיך און פּייניקט
פון באַגין און ביזקל באַגין?...

—„געברענט האָב איך טעג און יאָרן,
ווי א „שוליער" — זיין געלט אין אזארט...
ווער ווייס, וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן,
וואו איך וואָלט שוין איצט אָנגעשפּאַרט?...

1) — פסיכישע קראַנקהייט, וואָס קומט פון אויסגע־
לאסנקייט.

—„געלויערט האָבן טויזנט געפאַרן
אויף דער גליטשיקער שוועל פון מיין טיר...
און דאָ איז געקומען אינסאַראָוו,
זיך פאַרליבט ווי א אינגל אין מיר.

—„ער האָט מיך געבראַכט מיט א שנעל־שיף
אַהער פון מאַדאַגאַסקאַר.
מיר האָבן דאָ פיינע געזעלשאַפט:
„פּראָדיוסערס", קינסטלער, „סטאַרס".

—„געדאַרפט וואָלט איך זיין שוין קאָנטעט,
געדאַרפט וואָלט איך גליקלאַך זיין, —
נאָר נישטאָ איז קיין רו און קיין יאָנטעוו
פאַר בלוט וואָס ברויזט ווי וויין...

—„ווי ווילדע, צעיושעטע שפּאָרן
איבער צייניקן גרינע פון קלאַוויר, —
האָט געטראַמפּלט די אַלע יאָרן
מיין הארץ — די בייִנקשאַפט נאָך דיר...

—„און נישט איינמאָל מיט טויזנט שטימען
וויינט כאָראָטע — א וואָלף אין מיין ברוסט:
וואָס טויגן מיר גאָלד און דימענטן,
אַז מיין לעבן איז וויסט און פּוסט...

—„כ'האָב געליטן, געוואַרט און געשוויגן,
ווייל געווען איז מיר פּאַשעט און קלאָר:
אַז דער ליכטיקער, גאָלדענער ליגן
איז מיר ליבערשט פון בלייערנער וואָר!...

—„אָ, דאָוויד, וואָס ווייסטו פון שווייגן,
וואָס ברעכט, ווי א פויסט, דיין געניק,
ווען דאָס הארץ הייננגט אויף בראָכיקע צווייגן
פון קיינמאָל־דערגרייכטן גליק?...

—„ווען אויף בראָכשטול פון ליכט און שאָטן
באַצווייגט דיך די מענערקראַפט,
און עס וויגט זיך דער גוף אויף גאָלגאָטע
פון געשאָנקענער ליידענשאַפט...

—„מיר וואָלט ליבערשט געווען צו טשאַטעווען
די געסט אין א שאַנדהויז ביז שפּעט,
איידער ס'לייב מיינס מיט ליבע צו קאַטעווען
אף גאָלגאָטע פון זיידענעם בעט...

—„געוואָלט האָב איך זיך קאָמפּענסירן
פאר די יאָרן פארשאָלטענע צען:
צעפראַלן די גאָלדענע טירן
און ארויס פון געצוואונגענעם פּלען.

—„כ'האָב לאנג דיך געזוכט — און מערקווירדיק —
נישט געקענט געפינען קיין שפּור...
און פּלוצים — דו וואוינסט אין אמעריקע
און פארנעמסט זיך מיט ליטעראַטור.

—„כ'האָב געהערט אז דו שטייגסט אלץ העכער
אפן האָרביקן לייטער פון רום —
געוואָלט האָב איך זיין כאָטש דיין עכאָ,
א שאָטן, א הויך פון פארפיום.

—„כ'האָב נישט איינמאָל געטראַכט שוין, דאָוויד,
זיך באפרייען פון פיינלאַכער וואָר,
פארברענען, ווי שטרוי, דעם אָוואַר
און קומען צו דיר קיין נויאָרק.

—„נאָר געהערט האָב איך: (כ'בין זיך מוידע,
ס'איז געווען פאר מיר א קלאַפּ!)
האָסט געהייראַט אן ארבעטער מיידל,
א פּאָשעטע מיידל פון שאַפּ.

—„כ'האָב געהערט: זי איז אינגער און קליגער
און ריינער, יאָ, ריינער, פון מיר, —
האָב איך רואיק געוואַרט און געשוויגן,
ווי א שקלאַפין ביים הערשער'ס טיר.

—„כ'האָב געהערט, אז זי ברענגט דיר קאָרבאָנעס,
ווייל זי האָט דיך בעעמעס ליב, —
האָב איך מיט געשטאָלטער אַקשאָנעס
זיך געביסן פון ווייטיק די ליפּ.

—„כ'האָב געהערט: דו שרייבסט אין א צייטונג,
ביזט געוואָרן א גאַנצער איד...
געשטאַנען בין איך פון דער ווייטנס,
ווי א שאָטן געהיט דײַנע טריט.

—„כאָטש דעם עמעס דיר זאָגן: געכידעשט
האָב איך מיך פון אָנהייב־אָן,
אז דו זאָלסט גאָר שרייבן אידיש,
אף פּאָשעטן, פּראָסטן זשאַרגאָן?

—„און איך האָב אין טרוימען אין היציקע
געגלויבט אין דײַן מעטעאָר:
אז אין רוסישער דיכטונג אין איצטיקער
וועסט פאַרנעמען פּושקינ'ס אָרט!

—„נאָר וועמען האָט זיך איינגעגעבן
דורך אַלע צעבויטעטע טעג
דאָס צעלעכערטע שיפל פון לעבן
צו ברייגגען צום ליכטיקן ברעג?

—„און פּלוצים אזא איבערראַשונג,
ווי מיט זודיקער סמאָלע — א ברי:
קומט נעבטן צעלויפען ארטשע
און דערציילט מיר, אז דו ביזט הי.

—„איז ווי איז געגאַן דיר, דאָוויד,
ביז איצט אין לעבנס־ווילקיר?...
כ'האָב געהערט: ווי דער ווינט מיט פּאַלאָווע,
האָט דאָס לעבן געשליידערט מיט דיר"... —

בליצן אויגן אין שמאָלע אָרביטן
און עס ברעכט זיך די שטים אף מינאָר:
—„האָסט, דאָוויד, זיך גאָרנישט געביטן
פאַר די גאַנצע דרייצן יאָר...

—„זעסט דאָך אוים, ווי א גאַלילער עסרעג
אין רייפן, אין דופטיקן בלי, —
איז זאָג: האָסט שוין לאַנג מיך פאַרגעסן
און האָסט מיך שוין מער נישט ליב?"...

* * *

געזעסן איז בלאַנק קעגנאיבער —
אירע הענט אין זיינע הענט —
און ס'האָבן די אויגן מיט ליבע,
מיט פּיין און באדויער געברענט:

—„איך געדיינק נאָך די וואלדיקע פּוסטקע
און דעם טערפּקן גערוך פון יאסמין, —
נאָך ביז איצט ברענט דער שראם פון דיין כליסטיקל
מיין הארץ — ווי הייסער קין...

—„איך געדיינק נאָך די נאַכט אין גאָרטן,
דיין לאכעדיק־זילבערן קאָל,
דיין שפּאן אין די געלע באָטפּאָרטן 1)
אין אָדעסער שטאָט־שפּיטאָל.

—„איך געדיינק נאָך אלץ מיטאנאנדער.
ווער קאָן עס פארגעסן, ווער?
און שפּעטער — מיין ביטערן וואנדער
איבער שליאכן פון גאָר דער ערד.

—„נאָר נישטאָ גאָר אזוינע וואונדן
און קיין מאַקע נישטאָ גאָר אזא —
ס'זאָל די האנט פון דער צייט נישט פארבינדן,
נישט פארהיילן דעם לעבנס־זאַלב.

—„מעג דער גורל אונדז ווארפן און קוילערן,
מעג ער שינדן פון אונדז א פּאַס, —
ס'איז דאָס לעבן די בעסטע היילערין
פון דער גרויזאמער ליבע־כוילאאס.

—„האָט אין לויף פון צעבויטעטע יאָרן
דיין האלב־שוין־פארגעסן געזיכט
אפן פענצטער פון מיין זיקאָרן
געצאַנקט, ווי א יאָרצייט־ליכט.

—„און געוואָרן איז בלייבער און בלייכער
דאָס געשטאַלט פון געניא שאָר —
ביז געבליבן איז קוים א זייכער,
א שאָטן, א לײדיק אָרט.

1) — שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס. ....

— „און ס'האָבן די ל ע ט א - שטראָמען 1)
פארשווינקט דיין געביין פון מיין זיין —
און אויסגעוועפט האָט דיין נאָמען,
ווי פון אָפענער פלאַש — דער ווין.

— „כ'האָב געוואַנדערט פון פעז קיין קאָרפו,
פון קאַלקוטאַ און ביזקל קאָרק, —
ביז דער צופאַל האָט מיך פאַרוואָרפן,
ווי א כוואַליע — א שפּאָן קיין נויאָרק.

—„האָט נויאָרק צווישן וואָלקנטורעמס
געקנאָטן מיין לעבן אין נויט,
אין קאַמפן, אין זאָרג און אין שטורעם
און אין שטענדיקן זוכן ברויט.

—„כ'האָב דערזען אין דעם לאַנד אין דעם נייעם
דעם גרויזאַמען קלאַסן-קאָנטראַסט, —
בין איך שפּעטער אריין אין דער „פרייהייט"
זיך באהעפטן מיטן ארבעטער-קלאַס.

—„און פריידיק און גראַד איז געלאָפן
צום ליכטיקן ציל מיין וועג...
און פּלוצים — א קאַטאַסטראָפע...
א הויב... און א קלאַפּ... און אוועק..

—„זינט דאַן האָט מיין לעבן געקרישלט זיך,
ווי פון בערשאַדער בארג — די ליים...
איז ווי קאָן איך דיך איצטער מישפּעטן,
אז פאַרבראָכן האָב איך אליין." —

און געניא האָט אויפגעציטערט,
און היים האָט צעגליט זיך איר בליק:
—„מיר האָבן אַזויפיל געליטן, —
מיר האָבן א רעכט אף גליק!...

—„ס'האָט יעדער פון אונדז געצונדן
דאָס לעבן פון אנאַנדער עק.
נאָר עס ווארטן אף אונדז נאָך וואונדערלאַכע,
געלייטערטע, גליקלעכע טעג."—

1) — דער טייך פון פארגעסנקייט.

6. אַף די בערג.

און אוועק איז א פארביקע סעדרע —
טעג און נעכט אין לימוזין:
אַף מאָונט־לאָו 1) ליגן וואָלקנס, ווי טשערעדעס,
אַף מאָונט־ווילסאָן 2) איז רייך דער באגין.

זשומען טעג, ווי די גאָלדענע בינען,
פון פרי ביזקל נאַכטיקער שפעט:
צווישן פלי־פיש פון קאטאלינא, 3)
ביג־פיינס 4) און לייק עראָהעד. 5)

גליען הערצער אין דאָרשטיקן פיבער,
אין לוסטיקן ליבע־וויי.
אין נישט־זעטיקן הונגער פון ליבע
אוועק איז א כוידעש און צוויי.

איבער ליסע און נאַקעטע היגלען
בארג־ארויף פירט זיי פלינק דער מאָטאָר,
און ווי בויגנס — אַף הארבסטיקע פידלען,
שפילט דער ווינט זיך מיט פאסמעס האָר.

און אין קלאַנג פון פאַרנאַכטיקע פלייטן, —
ביים אָפגרונט פון שטייניקן פאל, —
ליגט לאָס־אנגעלעס אין העלע קוויטן —
צעשפרייט, ווי א שפאנישער שאל.

פלאקערט מוטנער די הארבסטיקע שקיע —
וועלדער וואקסענע בארמינאָן־ליכט —
אפן טרויער פון גניא׳ס וויעס,
אפן שמייכל פון איר געזיכט.

זיי שטייען, פון בילד נאַדרעשעטע:
העט־אונטן — איז פינצטער אין טאָל
און אַף בערג — דורך זוניקע רעשעטעס
זיפן שטראַלן צעגליטן גאָלד.

און פייערלעך, ווי א פלאקער־קאָרבן,
לעשט די זון זיך אין גסיסע־גלות...
און פלוצים — א טוק — און געשטאָרבן
אין א טייך פון איר אייגן בלוט.

1, 2, 3, 4, 5,) — שיינע נאַטור־פלעצער ארום לאָס־אנגעלעס.

* * *

איז געקומען דער אָוונט אַ בלייכער
ווי דער פּראָסטיקער צאָפּן־שיין,
ווי עס וואָלט זיך דיר פּלוצים צעשמייכלט
דאָס געזיכט פון אַ ווייטן פריינט.

ס׳גאַנוועט ווינט זיך אויף פינגערשפּיצן —
אַ פאַרשייטער באָן־וויוואַן —
און שווימט איבער בארגיקע מיצן,
ווי אין אָזיער — אַ שוואַרצער שוואַן.

אויף אַ פעלדז, ווי אַ שטיינערנער דרייפוס,
שטייען ביידע ביים אָפּגרונט־זוים:
ארום זיי — די שפּיצן, ווי בלייפערס,
שפּיזלען שטום דעם צעשטערנטן רוים.

אויבן — הימלען, ווי בלויע כאָליעוועס,
מיט שטערן, ווי גאָלדענע נים,
און אונטן — צעשפּרייט ליגט האָליוואוד —
אַ ריז אויף ליימענע פיס.

און פּלוצים — פּילט בלאַנק אויף זיין שטערן
געניא׳ס קליינע, פאַרליבטע האַנט —
און עס קלינגט צווישן בערג און שטערן
איר קאָל, ווי אַ פרילינג־געזאַנג:

—„זאָל זיך ברעכן דאָס לעצטע בריקל,
זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען, —
היינט ביינאַכט בין איך, דאָוויד, גליקלעך,
ווי כ׳בין קיינמאָל ביז איצט נישט געווען!”... —

און עס בליט אויף די בלאַסע ליפּן
אַזאַ קינדישע, מאַמישע פרייד:
—„איך שפּיר שוין, איך הער שוין זיך טריפּען
דיין קינד אין מיין אינגעווייד.

—„מיר וועלן אים רופן דאָוויד. —
און עס ציטערט מיט פרייד איר קאָל:
— אַ צייכער פון גרויליקן אָוואַר,
פון מאָרגן אַ העלער סימבאָל.” —

7. אַ נאַכט אין האָטעל.

געווען איז די נאַכט פאַרפירעריש,
געווען איז די נאַכט נישט רעאַל, —
ווי אַ זייכער אַ צאַרטער, אַ לירישער
פון דער פּוסטקע אין בערשאַדער וואַלד.

געווען איז איר לייב, ווי אַטלעס,
איר בליק — אַ געבורטסטאָג ליכט,
און געקילט האָבן רויטע פּאַטלעס,
ווי שלאַנגען, זיין הייס געזיכט.

איר בליק האָט זיך גאָרנישט פאַרוואונדערט
און ס'האָט זיך איר לייב נישט פאַרשעמט,
וואָס דער בויך האָט געהויבן זיך רונדיק
פון אונטער איר ווייסן העמד.

ס'האָט די בלאַסקייט פון אירע באַקן
נישט געגלויבט: צי ס'איז כאַלעם, צי וואָר, —
ווען ער האָט געקושט אפן נאַקן
אירע רויטע, געקרייזלטע האָר.

געוויייעט האָבן פּאַלמען־צווייגן,
ווי פעכערס, אין שטערן־הויך, —
און ער האָט געקניט אין שווייגן
פאַר איר ווייסן, איר שוואַנגערן בויך.

האָט זי זיך ארונטערגעבויגן,
ווי צייטיקע טרויבן — שווער —
און ווילד האָט געגליט אין די אויגן
איר שטומער, איר הייסער באַגער:

—„ס'זינגט די פרייד היינט — אַ פייגל־קאַפּעליע —
די סימפאָניע פון אייביקן זיין,
און פול איז מיין לייב, ווי אַ קעלישעס,
מיט ליכטיקן ליבע־וויין.

—„זאָל זיין, אז די לוסט איז אַ שייטער
פאַר אַלע פאַר אונדזערע זינד, —
איך גלויב: ס'וועט די ליבע לייטערן
די נעשאָמע פון אונדזער קינד!"... —

* * *

ס׳האָט אויפגעוועקט אים א דינער,
א שלאקרירעקער האָנענקריי,
אין פענצטער געבליט האָט באגינען,
ווי א גלוטיקע סרייפע אַף שניי.

דאָוויד שפירט, ווי אין פינצטערן צימער
קריכט דער כווישעך פון יעדן שפּאַלט,
און ער הערט, ווי מיט טויזענטער שטימען
די הילכיקע שטילקייט שאַלט.

שווער צו וויסן: צי ס׳וויאַנעט די נאַכט שוין,
צי עס בליט ערשט א בלויער פרי.
גאַנוועט בלאַנק זיך אַן אויפגעוואַכטער
צום פענצטער מיט שטילע טריט:

אַף לאַמטערנעס, ווי שאָטנס פון טליעס,
די נאַכט אין איר גסיסע היינגט,
ווי אַ קעלעוו, צעפרייכט און צעפריעט,
מיט דער צונג צווישן גרינע פון ציין.

פאַלן שטערן און ליכטער צאַנקן,
ווי א באַרמינאַן שטומט די ערד —
און אין מויעך צעבליצטע געדאַנקן
גאַלאָפּירן, ווי ווילדע פערד.

נאָך העשן, ווי יונגע קאָבילעס,
די שטערן אין הימל־שטאַל, —
נאָר עס גענעצט שוין בלויער טכילעס
דורך מיזרעכס צערעפּעטן שפּאַלט.

און אין הייסע עראָטישע סוידעס,
אין ביינקשאַפט פון מין צו מין,
וויגט די ערד זיך אַף זילבערנע הוידעס
צווישן שטערן און נאַכט און באַגין.

שטייט בלאַנק אין האלב־טונקעלן כיידער,
מיט אויגן צעבליט פון פרייד:
אַפן מיזרעכס צעגליטער אקיידע
ליגט די זון, ווי איצכאָק, גרייט,

רונד־ארום בליט דאָס ראָזעווע שווייגן
אין צערונצלטן הימל־יאַם,
און פאַרפלאָנטערט אין כמאַרישע צווייגן,
שווימט דער מוילעד — אַ ווייסער לאַם.

און פּלוצים — דורך טאָפּליעם רונדע,
איבער פענצטער־פּאַראַפּעט
האָט די זון, ווי אַ ליכטיקער קונדעס,
זיך צעטאַנצט אפן ליילעך פון בעט.

געניא ליגט מיט די האָר צעוואָרפן
אין געצונצלטן יאַם פון גאָלד,
און געבלימלטע, העלע אוזאָרן
די זון אַף איר קערפּער מאָלט.

זעט בלאַנק ווי באַדעקט האָבן ריצן
אירע שלאַבעריק־דינע הענט,
ווי איר גוף צווישן זיידנס און שפּיצן
שווימט שווער, ווי אין שוים — אַן אָקרענט.

עס גלעטן געהעפּטע טאַשמעס
אירע היפּטן, ווי טרוקענעם ראָר,
און עס בלאַנקט צווישן גאָלדענע פּאַסמעס
דאָ און דאָרט שוין אַ גרויע האָר.

די הענט, ווי צעלעכצטע רודערס,
דאָס געזיכט, ווי פאַרגליווערטע יויך —
און עס סטאַרטשען פון אונטערן צודעק
געלע פאַלבן פון שוואַנגערן בויך.

די פיס ווי די רויטע בעריקעס,
ווי געשוואָלענע לאָגלען — די בריסט...
ס'האָט די צייט איר קערפּער צענעריקט
מיטן שניידיקן טאַיווע־כליסט...

פריכט דער בויך, ווי איבערגעיוירן
און לויז־פאַרראָשטשינעם ברויט, —
ווי געשיקט וואָלט די ערשטע וואָרנונג
די עלטער — אַן אָנזאָג פון טויט.

די רעגעס, ווי טראָפּנס, קאַפּן...
ער דערמאָנט זיך א שטריך נאָך א שטריך:
ס'האָט די צייט, ווי א קאַץ, צעדראַפּעט
מיט קנייטשן איר ליב געזיכט.

די שמינק האָט פאַרדעקט די קאַרבן
און אַלץ וואָס איז העסלאַך און מיעס...
ער קוקט — און עס ווילט זיך אים שטאַרבן
פון ווייטיק ביי אירע פיס.

ער קוקט אַף איר וויאַלע פּאָנים,
דאָס האַרץ — א פאַרגליווערטער שטיין —
און א זיסער אַזאַ ראַכמאָנעס
פאַרקלעמט אים צו זיך אליין.

איז דאָס זיין אַמאָליקע געניאַ?
איז דאָס זיין געצערטעלטער טרוים?
איצטער ליגט דאָ פאַר אים א פּעניעק,
אַן אַלטער פאַרוויאַנעטער בוים.

איצטער ליגט דאָ זיין טרוים א צענעריקטער,
ווי קאָרטשעס, פאַרוועלקט און געל,
מיט אייוורים, ווי רויטע בעריקעס,
אַף א האַרבסטיק־פאַרשניטן פעלד...

— — — — — — — — — — — — — —

אין צעווייטיקטער טיף פון גערערים,
ווי א וואָרעם, האָט עקל געקרעלט,
און דאָס האַרץ, ווי א שליימיקער שערעץ,
האָט אין האַלדז זיך אים אָפּגעשטעלט.

און שטיל ווי א שולדיק אינגל,
וואָס האָט גרויזאַם צעטראָטן א רויז,
איז בלאַנק אַף די שפּיצן פון פינגער
אַף דער בלויער ווערענדע אַרויס.

אין דער פייכקייט פון פריע אלייען
האָט געפינקלט דער טוי, ווי מאָן,
און די זון האָט אַף דעכער געקרייעט,
ווי א רויטער, א גאָלדענער האָן.

געשאָרכט האָבן וויאָלע בלעטער,
ווי זאמד אפן גאָלדענעם דיון,
און דאָס הארץ, ווי א ווייסער שמעטערלינג,
האָט געפלאַטערט ארום דער זון.

די שטאָט האָט פארטאיעט געשוויגן,
ס'מויל פון גאסן פארקלעפט ווי מיט קיט,
און די זון, ווי א געלער טיגער,
האָט געלאָקערט נאָך זיינע טריט.

ווען בלאנק האָט זיך שפעטער אָכאיעט,
געשטאַנען איז ער ביי איר בעט.
ס'האָט די שטערבלעך־פארוואונדעטע כאיע
נאָך געדעוועט אין אים — נאָר ער זעט:

אירע האָר, ווי ציגלרויט גליען,
שפילט א שמייכלביים ראנד פון מויל,
און אף ברוינע, אף לייגלאכע וויעס
בליט א שטראַל, ווי א פארביקער קנויל.

שפרינגען פלעקן אף באקן לילאָווע,
און זי גיט מיט די ברעמען א צי:
—„ווי שפעט איז?... ביזטו עס, דאָוויד?...
גוט מאָרגן!... ביזט אויף אזוי פרי...

—„וואָס שטייסטו ביים אָפענעם פענצטער
און וואָס קוקסטו אזוי פארווירט?
קום אהערצו אביסל נענטער,
זעץ זיך דאָ אוועק לעבן מיר.

—„כ'האָב געזען אזא ליכטיקן כאָלעם:
צווישן בארגשפיצן — איך און דו,
און די זון איבער בארג און טאָלן,
ווי א גאָלדענער קאַקאדו.

—„אין די בארג־שפאלטן ציען ארמייען...
און דו — זייער פירער — פאַראָוים...
און פענער, ווי זונען, ווייען...
און הערצער — ווי זודיקער ברויז...

—„מיר שפּאַנען איבער וואָלקנרויכן —
מיין האַנט אין דיין זיכערער האַנט —
און עס קלינגט איבער זוניקע הייכן
אונדזער לייכטער, געפליגלטער שפּאַן.

—„כ׳וואָלט געוואָלט אַזוי אייביק זעגלען
אַפן פּאַרום פון גאָלדענעם טרוים —
און שווימען דעם מאָרגן אַנטקעגן
אין זוניק־צעהעלטן רוים״... —

שטייט בלאַנק לעבן איר ווי פּאַרטאַיעט
ווי ער וואָלט נישט געגלויבט וואָס ער הערט...
דורכ׳ן פענצטער, ווי ווייסער פייער,
ברענט דער שניי אַף שקאַרמיצן פון בערג.

ער דערשפּירט ווי עס קלאַפּן די פּולסן
אין רודעם פון באַרגיקן אָר
אין פיבערדיק־הייסע קאָנוואולסיעס
דורך רערן פון שטייניקן ראָר.

און פּלוצים אין שטערנפיבער
צעגליען זיך אויגן, ווי ליכט —
און טרערן פון פרייד און פון ליבע
רינען איבער זיין געזיכט:

—„געדיינקסטו די ווערטער די בליציקע
אין בערשאַד ביים וואַלדיקן שטעג, —
גערופן האָב איך דיך מיטצוגיין
מיט מיר דאָן אין לעבנסוועג.

—„ס׳האָט דעמאָלט מיין האַרץ דיין געלעכטער
געשניטן, ווי אַ סטילעט,
האָסט געזאָגט: —„כ׳בין אַ גווירישע טעכטערל
„און דו ביזט אַן אָר׳מער פּאָעט!״—

—„זינט דאַן האָט אונדז ביידן צעהאַמערט
דאָס געפּאַנצערטע ראָד פון דער צייט.
איצט שטיי איך פאַר דיר, ווי דאַמאָלט
און רוף דיך מיט זיך אין שטרייט.

—„ס'קלאַפּט דער קריזיס מיט אייזערנע פויסטן
אין אונדזער, אין היגן לאַנד, —
איז לאָמיר אין לעבן ארויסגיין
צוזאמען האַנט אין האַנט!...

—„ס'שפּילט דאס לעבן מיט טויזנט פאַרבן,
ס'ברענט די צייט דאָ, ווי רויטער מאָן —
פאַראַן דאָ אזויפיל ארבעט,
פאַראַן דאָ אזויפיל צו טאָן!"...—

געניאַ פּאַטשט מיט די הענט צעפּאַלאַשעטע:
— איז דאָס כאָלעם, צי איז דאָס וואָר?...
און ווערטער אזוינע פּאַשעטע
פליסן, ווי סטעלניק, קלאָר:

—„כ'וועל אנטלויפן פון רייכטום און לאַסקן,
כ'וועל פאַרלאָזן מיין ווילא און אַלץ,
כ'וועל זיך אומקערן קריק קיין מאָסקווע
און זיך שטעלן צום רעווטריבונאַל.

—„און אז מאָסקווע וועט מיר פאַרגעבן,
וועל איך קומען צוריק אהער
און אָפּגעבן ס'גאַנצע לעבן
דעם קאַמף אַף דער היגער ערד.

—„איך בין גרייט אַף א לעבן אָן אָרעמס,
נאָר א ריינס, ווי דער פרילינגס־שפּראַי, —
און גרייט בין איך אָרעם־אין־אָרעם
אין שטרייט מיט דיר גיין אפדאָסניי!...

—„און טאָמער אין היץ פון קריגן
וועט אונדז פאַלן דאָ זיין באשערט, —
וועט דערפירן דעם שטרייט צו זיגן
אונדזער קינד אַף דער היגער ערד!"...—

8. לעצטער ריס.

יענעם טאָג האָבן זיי באַשלאָסן,
יענעם טאָג איז געוואָרן קלאָר:
בלאַנק וועט סאָף־וואָך די שטאָט פאַרלאָזן
און פאָרן צוריק קיין נויאָרק.

באַדאַרפט האָט ער געניאַ׳ן באַגעגענען
אין שיקאַגע אין אַ וואָכן פיר.
נאָר לעפּאָנים וועט ער קומען געזעגענען
זיך שאַבעס בייטאָג מיט איר.

די וואָך איז אוועק. ס׳איז שאַבעס.
און אָט שטייט ער ביים „פּאַראַדיז״.
געשאָרכט האָט דער שפּעטער אָקטיאַבער,
מיט בלעטער אונטער די פיס.

די טיר האָט דער באָטלער 1) געעפנט
און פאַרנויגט זיך העפלעך און שטרייננג.
דערפילט האָט ער באַלד אונטערן לעפעלע
איז געוואָרן אים היים און איינג.

שמייכלען ליפּן, ווי בלויע בלאָזן,
שפּיזלט אויג, ווי מיט גליאיקן דראָט:
—„מאַדאַם האָט נאָך נעכטן פאַרלאָזן
אַף עטלאַכע וואָכן די שטאָט.״—

יערן באַקן ביים באָטלער, ווי הייוון,
און ער נויגט זיך פאַר בלאַנק׳ן טיף:
—„מאַדאַם האָט פאַר מ י ס ט ע ר ד י י װ י ד
דאָ איבערגעלאָזן אַ בריוו.

ער רייסט אויף מיט הענט אומגעדולדיקע
דעם פאַרזיגלטן בלויען קאָנווערט:
—„ווערסט, דאָוויד, מיר מוזן אַנטשולדיקן
וואָס איך האָב אונדזער טרוים צעשטערט...

—„כיהאָב אַנטלויפן פון רייכטום און לאָסקן
געוואָלט — און אוועקוואַרפן אַלץ,
זיך אומקערן צוריק קיין מאָסקווע
און זיך שטעלן צום רעוואָליוציאָנעל טריבונאַל.

—„נאָר צואוואָס נאָך די פֿאַלשע ראָמאַנטיק
און דער לירישער יוגנט־שטוס?...
אומזיסט... ס׳וועט דער רויטער באַנטיק
מער נישט קליידן מיין וויאַלער ברוסט.

—„געזוכט האָט מיין זעל הארמאָניע
אפֿן לעבנס צעהויקערטן שליאַך,
נאָר שטענדיק האָט די בייזע איראָניע,
ווי א לעץ, מיר אין פּאָנים געלאַכט.

—„כ׳האָב געהאָפּט אף א לעבן אן אָרעמס,
נאָר א ריינס, ווי דער פרילינג־שפּראַי,
און געטרוימט האָב איך אָרעם אין אָרעם
אין שטרייט מיט דיר גיין אפדאָסניי.

—„מוז איך איצטער דיר זאָגן דעם עמעס:
נישט געוואַרימט האָט מיך די פרייד...
ווייל פאר מיר איז די שענסטע פּאָעמע
נאָך אַלץ א זיידן קלייד.

—„און וואָס קאָנסטו מיר, דאָוויד, אָפּפערן
שטאָט דימענטן, סאַמעט און זייד, —
אז דיין לעבן גייט אוף, ווי אן אָפּפער,
אף מיזבייאַך פון ליד און שטרייט?"...—

ווען בלאַנק איז צו זיך געקומען,
געשטאַנען איז ער אף דער גאַס,
געטריפט האָט, ווי גאַל, אפן גומען,
ווי בלוט פון א וואונד — דער האַס.

אין צעווייטיקטער טיף פון געדערים,
ווי א וואָרעם, האָט עקל געקרעלט.
און דאָס הארץ, ווי א שליימיקער שערעץ,
האָט אין האלדז זיך אים אָפּגעשטעלט.

ר׳האָט געבלאָנדזשעט ביז שפּעט א בלייכער
מיט ווילד־צעפּאָלאָשעטע האָר...
יענע נאַכט האָט זיין הארץ דעם זייכער
פאַרמעקט פון געניאַ שאָר.

* * *

ס'האָט זיך סינע געקייפּלט אַף ליבע
און ס'האָט ווייטיק געמישט זיך מיט גיפט...
יענע נאַכט האָט ער געניאַ'ן געשריבן
א הארבן, א ביטערן בריוו:

—„האָסט פאַרקויפט פאַר א טעפל לינדזן
די בכוירע פון ליבע און שטרייט, —
ועסטו מוזן באַצאָלן די צינדזן
דער גייציקער וואוכערקע־צייט.

—„ס'איז דיין לעבן — א קייט פון ליגנס —
פון בערשאַד ביז „פּאַראַדיז",
וייל דיין שעקער האָט גאָלדענע פליגל,
און דיין עמעס האָט בלייערנע פיס.

—„ביזט געוואַקסן אַף ויסטע פּאַדווירעס,
וי העפקערער, ווילדער בוריאַן.
האָסט געיאָגט זיך נאָך בלויע פוכירן —
און דאָס לעבן פאַרשפּילט, ווי א פּאַנט.

— דיין וועלט איז אַ הוילער פענכער.
דיין לעבן — א נאַקעטע דלאָן...
און איך וואָלט געוואָלט נאָך קעמפן
אונטער דער רויטער פאָן.

—„און אויב ס'איז דער טויט אפן שוועל נאָך
געצייכנט מיר דאָ און באַשערט, —
וי אַן אלטער, געטרייער זעלנער,
וועל איך פאַלן מיט האַנט אפן שווערט.

—„גלויב מיר, געניאַ, ס'איז ליב מיר מיין גורל,
וייל נישטאָ איז קיין גרעסער גליק,
וי אַף שוועל צו די ליכטיקע טויערן
צו שטאַרבן א באָלשעוויק!...

—„איך וייס: ס'וועט שפּעטע כאַראָטע
פאַרסאַמען דיין לעבן מיט גאַל, —
היינט ביינאַכט, ווי א פוילן בלאָטער,
ברען איך אויס פון מיין האַרץ דיין געשטאַלט".

9. אָפּגרונט.

אױף מאָרגן האָט בלאַנק לאָסאַנגעלעס
מיט װײַטיק און פלוך פאַרלאָזט
און איז װידער אװעק אין װאַנדער —
זײַן האַרץ — אַ צעשמעטערטער קאָס.

װי זיס ס'איז דעם גומען און אױער
דער פײַנלאַכער ליבע־װײ, —
איז זיסער דער ליכטיקער טרױער,
אַז די ליבע פאַרגײט װי שנײ.

בלישטשן טעג, װי די גאָלדענע ליסקעס,
און די צײַט, װי אױף רײַפן זיך ראָלט:
אַ כױדעש — אין סאַן־פראַנציסקאָ,
אַ װאָך — אין יאָסעמיטי טאָל. 1)

זײַן האַרץ איז פאַרשטײנט און פאַרסטאַרטשעט
און פול, װי אַ בעכער מיט גאַל...
מיטאַמאָל — אַ דעפּעש פון אַרטשע'ן:
—„קום דאָװיד, צוריק — און באַלד!"...

דאָס האַרץ האָט אין פּײַן און אין אַנגסטן
געשטשעמעט אַ גאַנצע נאַכט.
און געװען אין דער װעג קײן לאָסאַנגעלעס
אַ בלוטיקער דערנער־שליאַך.

און אָט האָט זיך שױן באַװיזן
אין נעפּל דער װילסאָן־באַרג...
אױפן באַנהױף — מיט אױגן, װי שפּיזן
האָט אַרטשע אים אָפּגעװאַרט.

ער שװײַגט... און אין פײַנלאַכן שטומען
טוט ער פּלוצים די הענט אַ צעפּאַך:
—„ס'איז, דאָװיד, געשען אַן אומגליק,
ס'האָט געטראָפן אַ גרױסער בראָך...

—„ס'האָט געניא זיך נעכטן אין אָװנט
אַרונטערגעװאָרפן פון באַרג"...—
האָט די נײַעס, װי אַ בליץ, אים געטראָפן,
װי אַ דובניע — איבערן קאַרק.

1) — אַ פּאַרק אין צאָפן־קאַליפאָרניע.

ר'איז געשטאַנען א צייט ווי פאַרסטאַרטשעט
אין שלאַקרידיקן הינערפּלעט,
געהערט ווי אין כאַלעם, ווי ארטשע
האָט ווייטער גערעדט און גערעדט:

—„זינט דו ביזט אוועקגעפאָרן
האָט זי נאָך נישט פאַרמאַכט מיין טיר.
זי איז מאַמעש דערגאַן מיר די יאָרן
מיט אָנפראַגעס וועגן דיר.

—„כ'האָב דאָ ערשט לעצטן דאָנערשטיק
זיך געטראָפן מיט איר אין גאַס:
געווען איז זי געל, ווי א סאָניעשניק, 1)
מיט ליפּן — פאַרטרוקנט און בלאַס.

—„ס'איז איר גאָרנישט געווען צו דערקענען,
זי איז מאַמעש געווען ווי צעדולט:
די אויגן, ווי שטורקאַטשן, ברענען,
מיט זודיקע טרערן פול.

—„ס'האָט איר האנט ווי אין היץ געפיבערט,
ווען זי האָט מיין האנט באַרירט
און געפרעגט מיך: — וואָס איז די סיבע,
וואָס מע הערט אזוי לאַנג נישט פון דיר?

—„זי האָט אויסגעזען, ווי א שאָטן,
און צום סאָף האָט זי מיר געזאָגט,
אז געקראָגן האָט זי כאַראָטע,
אף אַלץ נאָך דעמזעלבן טאָג...

—„און פּרייטיק איז זי אנטרונען,
ס'האָט נישט קיינער געוואוסט וואוהין, —
ביז מ'האָט נעכטן איר קערפּער געפונען
אין צעשמעטערטן לימוזין.

—„זי האָט נאָך געזיפט... דיין נאָמען
גערופן האָט זי אף א קאָל,
ווען מע האָט זי אוועקגענומען
א גויסעסע אין שפּיטאָל"...—

1) — זון־רויזן, קערלעך.

10. אין מאַרג.

געשטאַנען איז דאָוויד געבויגן
איבער גניאַ'ס טויטן גוף.
געווען זענען אָפן די אויגן,
צום באַלקן פאַרגלייזט ארויף.

געשטאַרט האָבן אַפּלען גרוילאַכע,
ווי אָנגעפּילט מיט בליי,
און געגלאַנצט האָבן ווייסלען בלווילאַכע,
ווי סעוורישער פאָרצעליי.

ס'האָט געגרינצט צווישן אָפענע ליפּן
א שמייכל אַף ווייסע ציין...
פאַרגליווערט איז בלאַנק געבליבן
אין שטיינערנעם הינערפּלעט שטיין.

דער קערפּער — הויט און ביינער,
ווי פּאַסמעס בליטשקע — די האָר, —
געלעגן פאַר אים איז א זקיינע
פון איבער זיבעציק יאָר.

—„איז דאָס זיין אמאָליקע גניאַ?"...
געשען איז א וויסטער נעם:
ס'איז געלעגן א מענטשלאַכער פּעניעק,
אן אויסגעפּוצטער מעם.

די אייוורים צעקיילטע, צעקנאָדערטע,
דאָס געזיכט ווי א מילץ פאַרבלויט, —
ווי דאָס גאַנצע בלוט פון די אָדערן
וואָלט אויסגעזויגן דער טויט.

האָט אים אַרטשע ביים אָרעם גענומען
און אוועקגעפירט פון מעם:
—„ס'איז נעכטן דיר אָנגעקומען
אָט־דער בריוו אַף מיין אַדרעס"...—

נעמט דאָוויד דעם בריוו אָן ווערטער
צווישן פינגער ווי שטעקלעך דאָר,
און ער עפנט דאָס בלויע קאָנווערטל —
א בריוו פון גניא שאָר.

11. געניאַ׳ס לעצטער בריוו.

„ווען וועסט לייענען דאָס דאָזיקע בריוול
ווייט אוועק, אפֿן וועג קיין נויאָרק,
וועט מיין גוף שוין אַוואַדע גליווערן
אף די נאַרעס פֿון היגן מאָרג.

„איך ווייס דו וועסט זאָגן ס׳איז וואַנזין,
ס׳איז פייגהייט, פאַרצווייפל און שרעק —
מיט דער צייט וועסט אליין אָבער איינזען:
ס׳איז געווען דער איינציקער וועג.

„געבויט האָב איך הויכע געמעכער, —
האָט דער גוירל — א בייזער ציקלאָן —
צעשמעטערט די ווענט מיט די דעכער,
ווי שטיבלעך פֿון דינעם קאַרטאָן.

„ס׳איז עמעס: מיין הפֿקר לעבן
איז פֿון קינדווייז געווען נישט געצוימט...
נאָר געהאַט האָב איך אנדערע שטרעבונגען,
געכאָלעמט אַנאַנדער טרוים...

„סיהאָט דער טאַטע קיין זאַך נישט געזשאַלעוועט,
נישט געווען איז פאַר מיר צו־פֿיל —
האָט דאָס לעבן מיך ווילד צעבאַלעוועט,
האָט דאָס לעבן צעפּיעשטשעט מיך ווילד...

„אומעטום: אין אָדעס, ווי אין בערשאַד,
אין מאָסקווע, ווי אין פּאַריז,
געווען איז מיין ווילן — הערשער,
געזעץ — מיין מינדסטער קאַפּריז.

„דאָס האָסטו בלויז געקאָנט באַווייזן
צו צעברעכן מיין ווילן און שטאָלץ...
אויב געווען איז מיין ווילן — אייזן,
געווען איז דיין ווילן — שטאָל.

—„און נישט איינמאָל האָב איך אין איינזאַמקייט
געטראַכט זיך (גלויב, צי נישט גלויב)!
אז אנגעל, דער גאזלען, דער גרויזאַמסטער,
אין פאַרגלייך מיט דיר איז א טויב...

„יענער האָט בלויז אין פינצטערן טאָינעג
מיין קערפּער איין נאַכט געקוועלט —
און דו? פּופּצן יאָר האָסט געפּייניקט
מיט גאַליקער סינע מיין זעל!...

„איז צוואָוואָס נאָך אליין זיך נאַרן
און לעבן אין אַ פאַלשער וועלט...
סיזענען פריש נאָך די בייזע קאָשמאַרן
פון דער נאַכט ביי דיר אין האָטעל.

„כיהאָב געוואַכט מיט האַלב־אָפענע אויגן
און געוואַרט עס זאָל פאַלן די שטראָף,
ווען דו האָסט זיך אריבערגעבויגן
איבער מיר — און געמיינט אז איך שלאָף.

„און דערנאָך, ווי א שולדיק אינגל,
וואָס איז נאָרוואָס באַגאַנגען א כעט,
האָסטו אָף די שפּיצן פון פינגער
זיך אָפּגעקערט פון מיין בעט.

„סיוועט נישט העלפן קיין יאָם מיט קאָסמעטיק
א געזיכט, וואָס איז געל, ווי וואַקס...
סיהאָט די ליבע זיך איר אריפמעטיק,
איר לאָגיק און איר סינטאַקס...

„איז שוין בעסער אוועק לעאיבוד,
איז שוין גיכער א קויל, צי א שטריק, —
איידער בעטלען געשאָנקענע ליבע
און זיך טיילן מיט גויסעסן גליק.

„איך בין מיד... כיקאָן שוין מער נישט שטרייטן...
מיין וועלט — א געפּלאַצטער פּוכיר...
איז צוואָוואָס זיך נאָך ראַטשקעווען ווייטער
אין לעבן אַף אלע פיר?...

„און וואָס קאָנען דאָ העלפן קינעס,
אז פאַלש איז דער גאַנצער מעהוס?
אין אַ לעבן פון לויטער מינוסן
איז דער טויטדעראיינציקער פּליוס!

„אדיע! — סיהאָט דאָס גרויזאמע לעבן
געשפּילט שוין די לעצטע קאָרט...
כיהאָב אלץ דיר געשיינקט און פאַרגעבן,
פאַרגיב מיר אויך דו...
געניא שאָר".

P. S.

—„און איצט, אז מיין לעבן איז כאָרעוו
און מיין וועלט איז געגאַן באַנקראָט, —
פאַרגיב, וואָס די אַלע יאָרן
באַהאַלטן האָב איך אַ סאָד:

—„מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער
סיהאָט פאַרקניפּט צווישן אונדז זיך דער בונד,
געבוירן האָב איך אַ מיידל
פון יאַן, דעם אַקציזניקיס זון.

—„זי האָט זיך פון קינדווייז געכאָוועט
ביי אַ קאָרעוו אַ וויטן אין קיעוו...
איך לאָז דיר דאָ איבער, דאָוויד,
אירע לאַנגע און צערטלעכע בריוו.

—„איר נאָמען איז ליזאַ קאָלקער,
און ווי איך האָט זי רויטע האָר,
זי איז שוין אַ קאָמסאָמאָלקע
און אַלט איז זי זיבעצן יאָר.

—„פאַר מיר איז נישטאַ קיין צוריקקער...
נאָר עפשער וועט גראָד דורך איר
געפינען אַ זין און א טיקן
מיין לעבן — מיין פוסטער פוכיר"...—

* * *

ווען מ'האָט געניא'ן אין טרונע אין שמאָלער
אין קייווער ארונטערגעלאָזט, —
געוועז זיינען הימלען געשוואָלן,
די זון — ווי א בלוטיקער קאָס.

ס'האָט דער וויטיק מיט ציינקע זשאַברעס
געשפּיזלט זיין הארץ, ווי אַ שווערט,
ווען בלאַנק האָט דערפילט: מ'איז מעקאַבער
זיין יונגט אין אַ פרעמדער ערד...

12. — אַרטשע פֿאָרט אַהיים.

אַף מאָרגן נאָך גנעניאַ'ס לעוואַיע
איז אַרטשע צו בלאַנק'ן אַריין:
—„וואָס וועט העלפֿן דאָס וויינען און שרייען,
אַז דאָס לעבן איז אויס, מיין פֿריינט!

—„איך זע, אַז דו קלייבסט זיך אין וועג אַריין...
ווער ווייס, צי ס'וועט זיין נאָך באַשערט
זיך ווידעראַמאָל צו באַגעגענען
אַף דער דאָזיקער ליכטיקער ערד?...

—„איז איצט, אַז מע דאַרף זיך שיידן,
דערלויב מיר אַ כאַוועריש וואָרט.
כ'האָב לאַנג שוין געוואָלט מיט דיר ריידן
און זיך מוידע זיין אָפֿן און קלאָר:

—„איך ווייס: כ'בין אומזיסט געלאָפֿן
פֿאַרשלאָגן אַ פּלאָקן אין רוים...
פֿאַר מיר איז דער וועג איצט אָפֿן —
דער איינציקער וועג — אַהיים.

—„אינגיכן פֿאָרט אָפּ אַ פּאַרטיע
פֿונדאַנען קיין ביראָבידזשאַן.
איך האָב שוין געקויפֿט אַ שיפֿסקאַרטע —
און אַדיע, קאָלאָמבוסעס לאַנד!...

—„ס'איז אין רוסלאַנד איצט אַנדערע צייטן —
דאָרטן הערשט איצט די זעג און די האַק...
מעגן האווקן די געלע צייטונגען —
דאָס לאַנד ווי אַף הייוון וואַקסט.

—„ס'איז דאָס שטעטל שוין וויסט — און די גווירים
זענען טויט, זענען לאַנג שוין טויט...
און די יוגנט אַף פֿעלדער אַף בירער
אַ לעבן אַ נייס איצט בויט.

—„אַדיע!... זיי געזונט!... און דעראיקער:
פֿאַרבלייב דאָ נישט לאַנג אין לאַנד...
ס'איז צייט שוין פֿאַר דיר זיך צוריקקערן
אַהיים — אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד."—

ג. אַף אַ פעסטן באָדן

...רייס אַראָפּ, דאָוויד בלאַנק, רייס אַרונטער
מיט ווייטיק, מיט פרייד און קוראַזש
פון דיין „איכיס" פון צעאײַטערטע וואונדן
דעם לעצטן צעפוילטן באַנדאַזש!...

1, אין נויאָרק.

ברענען וואָכן, ווי האָריזאָנטן...
איז אין וואַנדער אַוועק א יאָר:
סאַן פראַנציסקאָ... שיקאַגע... טאָראָנטאָ...
מאָנטרעאל... און ווידער נויאָרק...

פאַליען טרוקענע טעג, ווי פּאַלאָווע...
טרעפט בלאַנק אָן א לאַנדסמאַן אין גאַס:
—„נו, וואָס הערט זיך, וואָס טוט זיך, דאָוויד,
נייסט אַלץ נאָך ארום פוסט־און־פּאַס?...

—„איך זאָג דיר: ס'איז פּילאיי־פּלאָים...
דו ווייסט ווער ס'איז דאָ אין נויאָרק?...
מיין פּלימעניק... מיין בערל פראָימס...
ער זיצט דאָ אין היגן „אַמטאָרג."

—„און ער איז נישט אבי ווער, מערק דיר,
מע זאָגט: ר'איז א גאַנצער „ספּעץ"...
ער קומט יעדן יאָר קיין אמעריקע
אַלס סאָוועטישער „רויטער קופּעץ".

—„און ער הייסט שוין נישט בערל סלאָוועס,
נאָר באָרים יעפרעמאָוויטש מינץ.
כ'האָב דערציילט וועגן דיר אים, דאָוויד,
אַז דו יאָגסט זיך אַרום, ווי דער ווינט.

—„ווען דו וואָלסט פון דאָרט נישט אנטרינען,
וואָלסט געוועזן שוין א גענעראַל...
איצטער זיצסטו און שלינגסט די סלינע
ביי די טישלעך אין קאַפע „ראָיאַל"...

2. כאַוועו מינץ.

קריכן וואָכן, ווי קרעציקע יאָרן,
אין פּיין און אין נויט און אין זאָרג...
איז דאָוויד ארופגעפּאָרן
אפן אַכצנטן שטאָק אין „אַמטאָרג".

בליצן אויגן ביים מיידל בלענדיק,
און אף שנייקייט פון ציין — א גרינץ:
—„געוואָלט האָט איר עמיצן זען דאָ?"...—
—„יע, געוואָלט האָב איך זען כאַוועו מינץ!"...—

—„האַלאָו!"... — און פון ווייטע דיסטאַנצן
אין טרייבל — אַ זשום און אַ קרעכץ...
—„כאַוועו מינץ איז אין צימער צוואַנציק —
פאָראוים — און דערנאָכדעם רעכטס"...—

אַ פּאָר טריט... און דאָס האַרץ ווי אַ שפּאַרבער —
אין געפּענטעטער נעץ פון טיר...
לעבן פענצטער — ביים טיש — בערל גאַרבער
הייבט זיך אויף איבער הויפנס פּאַפּיר...

שלאַנקער גוף אין אַ ברוינעם גאַרניטער...
ביי די שלייפן שוין גרויל׳עך די האָר...
אַ בליק... און אַ צוק... און אַ ציטער:
—„אַך, דאָוויד... שוין וויפיל יאָר?"...—

אַ שטרעק און אַ האַנטדרוק אַ פעסטער...
נאָר אין אויגן — אַ קאַלטער בליץ...
און אין קאָפּ אַזא מאָדנע פרעסטל:
—„וואָס מאַכסטו?... וואָס הערט זיך?... זיץ!"...—

בלאַנק זיצט מיט אַ מויל אַ פאַרזיגלטס
און גלאָצט אף די שפּיצן פון שיך...
און ס׳מיניען זיך בלאַס אין שפּיגל:
דאָוויד׳ס אויגן אף בערלס געזיכט...

ווערט טונקלער און שטאַר בערל׳ס פּאָנים...
און דער שמייכל שטאַרבט אָפּ ביים מויל:
—„געדאַרפט וואָלטן זיין מיר סאָנים,
נאָר ביזטו געקומען... דערציייל!"...—

האָט זיך פּלוצים פון הארצן אַ גול געטאָן
אַ הייסער, אַ ברויזיקער קוואַל,
ווי געשטאַנען וואָלט בלאַנק אַ באַשולדיקטער
פאַרן אַרבעטער רעוואָלוציאָנאַל:

—„ס'איז פול מיין נעשאָמע מיט ווייטיקן,
און דאָס הארץ איז מיט פּיינען פול, —
נאָר איך וויל מיך דאָ איצט נישט פאַרטיידיקן,
און נישט לייקענען, בערל, מיין שולד"...

... און דערציילט האָט ער אַלץ מיט אַנאַנדער,
וואָס מיט אים איז ביז איצט געשען:
זיין צוויי־יאָריקן ביטערן וואַנדער,
זיין צען־יאָריקן היגן פּלען.

און די יאָרן פון שווערן געראַנגל,
די ביטערסטע לעצטע צוויי יאָר,
און דעם טראַגישן טויט אין לאָסאַנגעלעס
פון דער בערשאַדער געניאַ שאָר:

—„איך בין איצט קיין נויאָרק געקומען,
זיך געוואָרפן אין ראַשיקן קאָך:
אין מויאַך דיזעלבע מעהומע,
אין הארצן דערזעלבער בראָך...

—„וואָס איז בערל, פון מיר געוואָרן
זינט איך בין פון דער „פרייהייט" אַוועק?...
אין אַ וואַקלדיק שיפל פון קאָרע
האָב געלאָזט זיך צום שיינבאַרן ברעג.

—„איצטער שטיי איך אינמיטן געוויסער,
פאַרבראָכן די הענט אינדערהייך:
פון די לינקע זיך אָפּגעריסן,
צו די סאָנים נאָך נישט דערגרייכט...

—„כ'האָב, בערל, דריי יאָר צעריבן
אין קאָפּע צווישן ביטול און האַס.
כ'בין אַ פרעמדער געווען — און פאַרבליבן
אַ גער אויף דער אידישער גאַס.

—„כ'בין זיך מוידע: פון גריבלען און דאיגענען
מיין נעשאָמע האָט לאַנג שוין א פליך...
איך האָב, ווי א הירש — צווישן צווייגן,
זיך פאַרפלאָנטערט אין אייגענעם „איך"...

* * *

ס'איז בערל געזעסן א בלייכער,
מיט אויגן — ווי גליאיקער קויל —
און ס'האָט זיך זיין פראָסטיקער שמייכל
געאַקשענט ביים ראַנד פון מויל:

—„האָסט צעשאָטן דאָ סענטימענטן,
מיין ליבער, א פולן קאָרב...
נאָר צוערשט וועגן מיילעך פראָצענטניקס
באַסיעכידע געניא שאָר:

—„אין די ברויזיקע טעג פון אָקטיאַבער,
ווען אין אופשטאַנד, אין בלוט און אין שטרייט
פאַרכאַפּט האָט די מַאַכט דער ארבעטער, —
געשטאַנען איז זי אָן א זייט...

—„ערשט שפּעטער, ווען ס'האָבן פאָגראָמען
פון בערשאַד געמאַכט א טעל,
האָט צעברויזט זיך אין איר די נעקאָמע,
האָט דערוואַכט אין איר דער רעבעל...

—„געקומען איז זי א צעבויטעטע
נישט צו קעמפן פאַרן ארבעטער־קלאַס,—
געטריבן האָט זי צו די „רויטע"
קאַפּריז און פערזענלאַכער האַס.

—„ס'האָט דער בלוט־רוף נאָך אוואַנטיורע
זי געפירט אונטער רויטער פאָן...
געווען איז איר לעבן — כאַלטורע,
איר שטרייט און פאַרראַט — פאַסאָן!...

—„ס'האָט די קאָסע פון צייט זי פאַרשניטן,
ווי ווילדגראָז ביים ראַנד פון שליאַך...
איצט וואַקסן געזינטערע בליטן
אין אָקטיאַבערס, אין שטאָלענער טראַכט —

—„וועגן דיר און אזוינע, ווי געניא,
און טויזנטער אַנדערע דאָרט
געזאָגט האָט אַמאָל כּאַוועד לעניז
אַ קלוג און אַ טרעפלעך וואָרט:

„ס'איז אַף באַריקאַדן אָפּט גרינגער
צו קעמפן מיט ביקס אין האַנט,
איידער דריי מאָל אַ טאָג אַף מיטינגן
זיצן צען יאָר נאָכאַנאַנד".

—„ניין, נישט איין נאָך מעטאַמאָרפאָזע
וועט דורכגיין דער אינטעליגענט, —
ווייל ווייך איז זיין צונג ווי אַ לאָזע,
און פאַררעטעריש־פאַלש איז זיין פּען.

—„מעג ער זינגען בונטאַרישע לידער
און פּרעפלען פון „פאָלק" און פון „פליכט",—
ס'האָט אין אים, ווי אין לייב — אַ גנידע,
זיך איינגעגעסן דער „איך".

—„דורך ראַזעווע, דינע שפּאַקולן
זעט ער טורעמס פון עלפאַנטביין,
און שטענדיק צו מאָסן — נולן
שטעלט ער צו זיין „איך" אלס איינס.

—„ער בייט זיינע געטער, ווי מעבל,
און ער האַנדלט מיט „גייסט" און „עקסטאַז",
און מיט זעל און מיט לייב און מיט לעבן
דינט ער דעם רויבער־קלאַס.

—„ער שפּילט מיט געפליגלטן וואָרט זיך,
און ער יאָגט זיך נאָך פאַרביקן רויך, —
ווייל עס וואַקסן ביי אים די וואָרצלען
אַנשטאָט אין דער טיף — אין דער הויך.

—„און דו?... ס'איז דיין גרעסטער כּיסאָרן
און ס'איז, גלויב איך, דיין בוילעטסטער שטריך,
וואָס געדינט האָסט די אַלע יאָרן,
ווי צום מוילעך — צום אייגענעם „איך"...

—„ס׳האָט צופיל אין דיר זיך געגריבלט
דער דיכטער — אינטעליגענט,
זיך געצאַצקעט מיט אייגנליבע:
כאָטש שטעל אים א מאָנומענט!...

—„האָסט געצירט זיך אין רויטער מאַנטיע
פון דיכטער און פון רעבעל
און געלעבט אין אַ טראַנס פון ראָמאַנטיק,
אין א טרוימעריש־ראָזעווער וועלט.

—„האָסט געהאַנדלט מיט „סטאַזש", ווי מיט סכוירע,
האָסט „אָקטיאַב" פאַר אַ שוטעף פאַרכאַפּט,
ווי „אָקטיאַב" וואָלט נישט דיך געבוירן,
נאָר ווי דו וואָלסט געמאַכט דעם „אָקטיאַב"!...

—„האָסט געפּינזלט מיט ראָזעווע פאַרבן,
האָסט געוויירעכט פון גאָלדענער פאַן,—
איז געוואָקסן צווישן דיר און דעם ארבעטער
א הויכע און שטיינערנע וואַנט.

—„האָסט גערעדט דאָ פון ליבע־וואַנזין,
פון גרינעם און גאַליקן האַס, —
וואַרף אַוועק אָט־די פאַרביקע פראַנזן,
דעם דיכטעריש־שווערן באַלאַסט!

—„האָסט גערעדט פון כאַלוימעס געשאָכטענע
און פון לעבנס אנטרוימטן מיראַזש,—
וואַרף־אַוועק אָט־די אַלע שמאָכטעס,
דעם פּאָעטישן אַנטוראַזש!

—„דו ווילסט דאָך דיין לעבן באַרעכטיקן,
דו ווילסט דאָך אונדז ברייגנן נוץ,
וואַרף אַוועק דיינע לידער די נעכטיקע
מיט ראָזעווע סטיינגעס באַפּוצט!

—„גענוג שוין מיט ווינטן געשמייעט,
קער זיך אום צו דער וואָרער וואָר!
ס׳איז שוין צייט זאָלסט אליין זיך באַפרייען
פון דעם אייביקן דיכטער־האָרב.

ס'איז שוין צייט אראָפּצושיילן
אַלע קרעציקע הויטן פון זיך, —
ס'איז צייט שוין, ווי ווילדפליישׁ, ווי פוילע,
אויסגלי'ן מיט אייזן דיין „איך"!...

—„רייס ארונטער, מיין פריינט, רייס ארונטער
מיט ווייטיק און מיט קוראַזש
פון דיין „איכ'ס" פון צעאייטערטע וואונדן
דעם לעצטן צעפוילטן באַנדאַזש!

—„געגנוג שוין פאַפירענע פאַרטן
צו בויען אַף הוילן זאַמד!...
און ס'וואָלט נישט געשאַדט דיר א פאַר־טאָן
אַהיים — אין ראַטנפאַרבאַנד!

—„וועסט זען: ווי מיט פריידיקע הענט שוין
בויט און פורעמט דער באָלשעוויק
נישט קיין פאָלק, נאָר א נייע מענטשהייט,
נישט קיין לאַנד, נאָר א מאַטעריק־

— „דו האָסט זיך געיאָגט און געפּילדערט
פון קאַלקוטאַ און ביז פּאַריז —
און מיר — לעניניסטן — מיר דאָרט
מיר האָבן געבויט סאָציאַליזם!...

—„האָסט געוואַנדערט — רעבעל און דיכטער —
איבער וועגן פון גאָר דער ערד,
און מיר האָבן פאַשעט און ניכטער
באַפעסטיקט דעם פ. ס. ס. ר.

—„און די לעצטע פאָר יאָר אין אַמעריקע
לעבסט אַלץ נאָך אין ראָזעווען טשאַד, —
און מיר בויען אַף א זעקסטל פון ערד־קיילעך
א סאָוועטישן מוסטער־שטאַט!...

„געוועזן איז דיין לעבן געפּענטעט
אין טרוימען פון געניאַ שאָר —
און מיר האָבן דעם ערשטן פאַרענדיקט
און האַלטן ביים צווייטן „פינפיאָר".

* * *

זיצט דאָוויד דעם קאָפּ פאַרזונקען
אונטער האַמערס פון בערל'ס רייד, —
נאָר אין די אויגן, ווי בליציקע פונקען,
גליט שוין א נייע פרייד;

—„כ'האָב אויסגעהערט דיך געדולדיק,
האַסט, בערל, געטאָן דיין פליכט.
ווי גרויליק־געערעכט איז דיין אורטייל
איבער מיר און אזוינע, ווי איך.

—„נאָר איך דאַנק דיר, מיין פריינט, פאַר דער אייצע
צו פאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד...
איך גלויב: אז אויב שטעלן א פלייצע,
איז דאַרף מען דאָ־הי אין לאַנד...

—„ס'איז עמעס: איך בין אייך מעקאַנע
וואָס מיט שפּאַן פון באַפרייטן ריז
אין שטאָלצן פאַרמעסט אין טיטאַניש
איר בויט דאָרט דעם סאָציאַליזם!

—„און נאָכמער בין איך אייפערזיכטיק
אַף די בירגער פון פ. ס. ס. ר.,
וואָס פאַר זיי איז שוין פריי און ליכטיק
א זעקסטל פון גאָר דער ערד

—„זיי בויען שוין דאָרט „סעלמאַשן". 1)
„טורקסיבן"2) און דניעפּערבוי"—3)
דאָ — דאַרף מען די הענט ערשט פאַרקאַשערן
אין קאַמף — נישט אַף לעבן, אַף טויט.

דאָ דאַרפן מען ערשט מאָנען און וועקן
אין הייזער, אין שאַפּ און אַף סקווער
און צינדן פון אַלע עקן
דעם אויפשטאַנד אַף היגער ערד".—

---

1) — אַ פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטליכע מאַשינען.
2) — די נייע אייזנבאַן פון טורקעסטאַן קיין סיביר.
3) — די נייע ריזיקע עלעקטראָ סטאַנציע אין ראַטנפאַרבאַנד.

3. אַפן שײַטער.

ס'זעגען זאַט, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער,
דאַווידס פינעף און דרייסיק יאָר,
און עס זילבערט אַף קנייטשיקן שטערן
דאָ און דאָרט שוין אַ גרויע האָר.

יאָגן וואָכן, ווי פרילינג־גרעבליעס,
באַפרייט פון די פּענטעס פון אייז, —
שפּירט דאָוויד: ג ע וו ע ן א י ז ז יי ן ל ע ב ע ן
ד אָ ס ג אַ נ צ ע א ווי ל ד ע ר ג ר יי ז

און ער זעט אַזוי פּראַסטיק און ניכטער.
און ער זעט אַזוי ליכטיק און קלאָר:
ס'האָט די פאַרביקע שטרוי פון דיכטונג
פאַרשטעלט אים די קאָרענע וואָר.

געווען איז זיין לעבן — פּאָזע,
געווען איז זיין לעבן — פּאַסאָן,
און געציקלט די פּאָשעטסטע פּראָזע
האָט ער מיט פּאָעטישן טאָן.

און אין מויעך אין אויפגעהעלטן,
ווי וואונדפּלייש, דער אָוואר גליט:
נישט קיין יאָרן — נאָר שיימעס פאַרגעלטע,
נישט קיין לעבן — אַ פאַלשער פּאָזיט.

ליגן יאָרן — צעריסענע פאָנען,
און עס שטרעקן די העלדזער שטאַר:
די נעכט אין די מאָסקווער סאַלאָנען,
די הולקעס אין מאָסקווער „יאַר".

עס שפּרייטן זיך טעג, ווי וועגן,
אין וואָגל פון פּאָרט צו פּאָרט,
און דער טויט פון זיין „אַלטער עגאָ",
דער אומקום פון געניאַ שאָר.

גליען טעג אַף צעפלאַקערטן שייטער,
ליגט אַ לעבן — פאַרקוילט אין אַש —
און עס רייסט פון די וואונדן צעאייטערטע
דאָוויד בלאַנק דעם לעצטן באַנדאַזש.

4. אין איד־ביורא.

וואַרעמע טעג, ווי די וועלפּישע סטאַיעס,
אין געפּענטעטן פּלען פון נויאָרק, —
איז דאָווידַ אַרויף אין דער „פּרייהייט"
צו די פירער פון דער איד־ביוראָ.

קוקן אָפּענע, שטריינגע געזיכטער
און עס מיניעט אין אויגן זיך כשאַד:
—„כ'בין געקומען מיין טאָעס פאַריכטן
כ'וויל אויסקויפן איצט מיין פאַרראַט.

—„איך וויים: איך האָב שווער פאַרבראָכן,
כ'בין אוועק ווי א דעזערטיר,
ס'האָט דער „איך" זיך אין מיר צעפּאַלאָכעט
און א פּראַל געטאָן מיט דער טיר.

—„ס'איז יעדער כאָטש איינמאָל אין לעבן
געוועזן פון כימערן פאַרבלענדט,—
נאָר דער קריזיס מיט פּעך און מיט שוועבל
האָט דעם „איך" אין מיר אויסגעברענט.

—„כ'בין פון ברעג ביזקל ברעג געפאָרן,
כ'האָב געזען, וואָס דאָ טוט זיך אין לאַנד:
ס'איז דער הונגער ארוים פון די נאָרעס
און פעסט, ווי א זעלנער שפּאַנט.

—„כ'האָב געזען: אין א שוואַרצער ריזע
מיט טויט און צעשטערונג אין בליק
מיט גיגאַנטישע טריט שפּאַנט דער קריזיס
איבער פאַרם, איבער מאַין און פאַבריק.

—„כ'האָב געזען: אף קענטאָקיער פּלוינען
ברענען ווייסע די נעגער, ווי מייז,
און געזען האָב איך קעמפּן פאַראייניקט
אין האַרלעם — שוואַרץ מיט ווייס.

כ'האָב די ווילאַס געזען פון סענטבאַרבאַרא, 1)
די פּאַלאַצן פון מאָרגאַן און פאָרד —
און געזען האָב איך אויסגיין אַרבעטער
פון הונגער אין פריסקאָ־פּאָרט.

1) — א רייך שטעטל אים דאָרעם־קאַליפאָרניע.

—„געזען האָב איך שלעסער פּרעכטיקע,
פאַרריגלט און ליידיק שטיין, —
און געזען האָב איך היימלאָזע נעכטיקן
אין פּאַרק אַף פאַרשנייטע ביינק.

—„כ'האָב געזען איבער גלאַנץ פון בראָדוויייען,
איבער „מעינסטריטס" באַגילדעטן קויט
די לאַנגע, געשליינגלטע רייען,
די אַרמייען פון הונגער און נויט.

—„כ'האָב געזען, ווי פון פרייִרישע ראַכוועסן,
צעגריזשעט פון הונגער־צאָן,
שפּאַנען הייסע, צעשטורעמטע מאַכנעס
אַף פאַרפאַנצערטן וואַשינגטאָן.

—„כ'האָב געזען, ווי אין שעפער און שאַכטעס
מיט ווילן, צעגליט און צעברויזט,
הייבט דער אַרבעטער אָן צו דערוואַכן
און ביילט קעגן קריג דעם פויסט.

—„און איך האָב די לעצטע יאָרן
געפּאַטערט אַף פּוסט־און־פּאַס —
איז צייט שוין פון אייגענער קאָרע
אַרויס אַף צעבויטעטער גאַס...

—„איז גענוג, ווי מיט פאַרביקע קרעלן,
זיך צו שפּילן מיט אייגענעם וויי —
ס'איז צייט שוין זיך ווידער צו שטעלן
אין די רייען פון דער קאָמפּאַרטיי.

—„גענוג שוין אין שטוין אין געפּלעפטן
צו זינגען פון אופשטאַנד־סטאַם.
כ'בין געקומען מיט אייך זיך באַהעפטן
אין טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־קאַמף.

—„איך ווייס: ס'זענען האַרט באָלשעוויקעס
און עס טראַכטן אַ פּאָר פון אייך:
„אַ פאַרבלאָנדזשעטע פרילינג־ריקע
קומט זעלטן צוריק צום טייך!"

—„איך זע נישט קיין אַנדער אויסוועג
פאַר פאַרבלאָנדזשעטע ריקעס, ווי איך...
וועט איר מיך אַצינד פאַרשטויסן,
מיט כשאַד, ווי א פרעמדן, פון זיך?

—„עס שפּאַרט זיך צו אייערע ברעגן
מיין זיין, ווי נאָך אייזברוך — א טייך, —
ווייל פון אלע פאַרבלאָנדזשעטע וועגן ..
פירט דער עמעסער וועג — צו אייך!"...

הערן אוים די כאַוויירים בלאַנק'ן,
און איינער אַ ספּריטנער יאַט
הייבט זיך אוף, אַ געשטאָלטער, אַ שלאַנקער,
און עס בליצן די אויגן מיט טאַט:

—„מיר ווילן נישט זיין דיינע ריכטער,
מיר זענען דיר גלויבן גרייט, —
נאָר וועסט דאַרפן דיין טאָעס פאַרריכטן
מיט מאַיסים און נישט מיט רייד!

—„צוואוואַס די געסמאַליעטע „איכן"
און דער גאַנצער „נעשאָמע־קאַלופּ",
קריך אַרוים פון די דיכטערשע שיכלעך,
גיי אַריין אין אַן אַרבעטער־קלוב.

—„קוק זיך צו ווי די אַרבעטער לעבן
טאָג־נאָך־טאָג, וואָך־נאָך־וואָך, יאָר־נאָך־יאָר,
ווי זיי לײַדן און קעמפן און וועבן
א נייע, א ליכטיקע וואָר.

—„נישט געגנוג זיי פון רויטע פאָנען
צו זינגען אין קלאַסישן גראַם,
דו לערן זיי בעסער דערקאָנען
זייער לעבן — און וועק זיי צום קאַמף!" —

איז דאָוויד אַן אויפגעהייטערטער
אוועק פון דער איד־ביוראָ.
יענעם אָוונט, ווי טויזנטער שייטערס,
האָט געצונדן פאַר אים זיך נויאָרק.

5. אַף אַ פעסטן באָדן.

גליען טעג — און פון שטאַם זיינעם דאָוויד
זינקט דעם פוילן, דעם לעצטן באַגאַזש —
און ער קעמפּט מיטן טויטן אָוואַר,
און עס לעשט זיך דער לעצטער מיראַזש.

זיפּן טעג זיך, ווי זונשיין דורך לאָדנס,
און עס היילט זיך דער בראַנדיקער ריס.
פילט דאָוויד: עס וואַקסט אים אַ באָדן
אַ פעסטער אונטער די פיס.

נאָר אָפּט אַף זיין הארטן געלעגער
אין פּליסיקער כאַשכעס פון נאַכט
דאַכט זיך בלאַנק'ן: זיין אָוואַר — דער פייגער
שטייט צוקאָפּנס ביי אים און וואַכט.

דאָוויד עפנט די אויגן אין שוידער,
נעמט זיך שאַרן צום טיר פּאַזע ווענט,
נאָר עס פּאַקט אים אין ווינקל פון כיידער
זיין גאַסט מיט די ביינינקע הענט.

אַף די ליפּן — דער פּרעפּל פון פּסאַלמען,
ווי דער ווינט וואָלט מיט שיימעס געשאָרכט —
און עס ווייעט פון אים מיט בייסאַלמען,
מיט נעווייִלע, מיט גרויל און מיט פּאַרכט.

און ער קרימט זיין געשטופּלט איינגל,
און עס סקריפּעט זיין כריפּיקער קריי:
—„ס'האָבן זיידעס געדינט צום איינגל,
און דאַס אייניקל — דער קאָמפּאַרטיי!”—

און עס גרינצן די ציין די פּאַרשטשעמעטע,
און עס האָפּסלט דער האָרב אַפּן קאַרק:
—„ס'האָבן זיידעס געשטאַמט פון באַלשעמטאָוו,
איז ווי קומסטו צו קאַרל מאַרקס?

—„ס'האָבן זיידעס דעם אייביקן עמעס
געזוכט אין קאַבאָלע און שאַס —
און דו מיט צעברויזטע פּאָעמעס
ווילסט דינען דעם אַרבעטער־קלאַס!”—

—„ווּעסט אין נעצן פון קאמף זיך פארפלאָנטערן,
ווי אין קעצישע לאַפּעס — א מויז...
און ווי קאָנסטו גאָר, דאָוויד, זיין קאָנטענט,
אז דער מענטש איז נאָך אַלץ נישט דערלייזט?"—

און אין אויגן אין שפּיציק־בייזע
שליינגלט שפּאָטיש א ביסטרע בליק:
—„גלויבסטו טאקע — די וועלט וועט דערלייזן
דער הארטנעקיקער באָלשעוויק?" —

און עס שטרעקט איבער בלאַנק'ן דער אָוואַר
זיינע בייניקע הענט, ווי העק:
—„איז שוין לענין — דער לעצטער נאָווי?
איז זיין וועג שוין — דער לעצטער וועג?"—

און ווי זעג — אף פארזשאווערטע רערן,
קריצט זיין קאָל אין צעפלאָשעטער נאכט:
—„און מיט וואָס ווּעסטו, דאָוויד, דערקלערן
היטלער'ס פלוצלעכן אויפשטייג צו'ר מאכט?"

בלאַנק שטייט א פארקלעמטער אין ווינקל
אונטער בייניקע הענט פון גאַסט —
און ער זעט: די שווארצאַפּלען פינקלען
מיט ניצאָכן, מיט שפּאָט און מיט האַס.

זיינע אויגן, ווי פּריסעק, ברענען.
און פּלוצים — אין שטויניקן וואַן
זעט דאָוויד דאָס בילד פון לענינען
היינגט הויך קעגן אים אף דער וואַנט.

אף די ליפּן א שמייכל א מילדער,
ווי דער מאַי וואָלט אין הארבסט זיך צעבליט,
נאָר עס ווייעט מיט שטאָליקן ווילן
דער מאָנגאָלישער אויגנשניט.

בלאַנק קוקט מיט געפּלעפטער דערשטוינונג
און עס שטארקט זיך אין אים דאָס קאָל —
און ער ענטפערט זיין אָוואַר, דעם סוינע,
און ער רעדט צו אים פּאָשעט און שטאָלץ:

—„כ'האָב שוין לאַנג פון די לאָמדישע זיידעס
און פון גאַנצן פון סאָכרישן שטאַם,
ווי פון קרעציקע שאָף, אָפּגעשיידט זיך
און געשטעלט זיי אין הארצן א צאַם.

—„זאָלן זיידעס מיט ייכעס זיך שאַצן
און זיך רימען מיט פּאָסקים און שאַס, —
מיין שטאַם — אין דער שטאַם פון פּראַצע,
און די ריטער פון אַרבעט — מיין קלאַס.

—„ס'איז נישטאָ גאָר קיין זאַך וואָס איז היילי̇קער
ווי די פרוכט פון דעם אַרבעטער'ס מי —
און מיט פרייד טראָג איך אים מיין כיילעס
דעם געזעט פון מיין קאָרענעם ליד.

—„זאָלן דיכטער זיך זוכן אַ בענטשונג
אפן שפּיץ פון מעשיכישן האָרב —
פאַר מיר האָט דערלייזט די מענטשהייט
כאַוועך לענין אין זיבעצעטן יאָר!

—„איך בין לאַנג שוין אַרויס פון פּלאָנטער,
און קלאָר איז מיר איצט אַזוי:
צו אַ לעבן פון לויטער יאָנטעוו
פירט די מענטשהייט די קאָמפּארטיי!"

—„עס לויערט אַף וועלט דער פאַשיזם —
דעם רויבער־קלאַס לעצטער שטעל —
און עס שטאַרקט זיך אין לענדער דער קריזיס
און עס פיבערט אין היץ די וועלט.

—„מע שפּייזט אונדז מיט „נירא" - פּאָלאָווע
און מיט טוכלען „רעקאָווערי" - קוואַס,—
נאָר עס פּלאַצן, ווי טורעמס פון באָוול,
די וואָלוואוירטס פון רויבער־קלאַס.

—„די רויבער־וועלט גייט באַרג־אַרונטער
און שפּירט שוין דעם אייגענעם סאָף,
בלויז דאָס לאַנד פון סאָוועטן שפּאַנט מונטער
מיט גיגאַנטישע טריט באַרג־אַרויף.

—„ס׳שאַרפֿן נעגל אַלוועלטלעכע שפּאַרבערס
קעגן זיגרייכן באָלשעוויק,—
בלויז פֿאַראייניקטער פֿראָנט פֿון אַרבעט
וועט פֿאַרמיידן דעם אימפּערקריג.

— „וועט נישט העלפֿן: נישט היטלער, דער טאַליען,
נישט טראָצקי דער פֿראַזן־זשאָנגליאָר —
סיפּירט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד כּאַוועך סטאַלין
צום זיג דורכן צווייטן פֿינפֿיאָר!״ —

דאָוויד רעדט — און די ווערטער ברענען
דאָס געשטאַלט פֿון זיין אָוואַר — זיין פֿיינט —
און עס שמייכלט דער כּאַוועך לענין
קעגן אים אין קאַיאָריקער שיין.

עס דערטראָגט זיך ס׳פֿאַרטאָגיקע הילכן
פֿון א באַן, ווי מאַשינען־געשטעפּ,
און עס האָפּסלען די טריט פֿון מילכמאַן
אין געאייל איבער שטיינערנע טרעפּ.

און זיין זון מיט פֿרימאָרגיקן העשן
כאַפּט זיך אויף, ווי א וועלפּל, אין וויג —
ס׳איז שוין צייט אים צו געבן דאָס פֿלעשל,
מאָנט ער עסן — דער באָלשעוויק.

עס צעקלינגט זיך דער שטאָטישער זייגער.
און דער טאָג, ווי א ראָשטשינע, וואַקסט.
און ס׳געשטאַלט פֿון דעם אָוואַר — דעם פֿייגער —
צערינט זיך, ווי טריפֿיקער וואַקס.

און אין הארצן, קאַיאָריק און הייוויק,
א פֿרייד אַזאַ ליכטיקע העלט —
יענע נאַכט האָט בלאַנק א מאַציווע
אַף זיין אָוואַר אַוועקגעשטעלט. ..

סאָף פֿון ערשטן בוך
פֿון דער טרילאָגיע
„איבערגאַנג״

לאָס אַנגעלעס — אָקטאָבער, 1931
נויאָרק — פֿעברואַר, 1934

באַמערקטע דרוקפעלערן:

זייט	13,	שורע	6	— ער געדיינקט: אין בלויע פאַרנאַכטן
″	24	″	27	— איז ווינטער — טעאַטער און אָפּעראַ,
″	32	″	28	— געווייעט איר וואַרעם קלייד.
″	38	″	9	— ברענען העל, ווי אַ סרייפע ביינאַכט...
″	42	″	23	— ווי דאָס פליעסקען פון טירטלטויבן.
″	43	″	3	— קריכט באַגין דורך שפּאַרונעס פון נאַכט,—
″	55	″	15	— ברענען טעג אין געשטאָלטן, אין טראַציקן,
″	58	″	3	— —„ווי געפעלט דיר, ס'איז ליעוו דאַווידאָוויטש
″	69	″	13	— און געהאַנדלט מיט בסאָמים און שמינקע
″	88	″	24	— און דאָס פאָלק געבענטשט און געשאָלטן
″	93	″	29	— פויעל־ציען, עס־פּי און עס־עס.
″	95	″	30	— און ווי פריסעק אים בריט די אַנטוישונג
″	97	″	32	— ווי אין שטורעם — אַ פאָרט פאַר אַ שיף.
″	99	″	19	— זיך צעהוליעט מיט יובל־געשריי.
″	101	″	29	— ווי אין שטורעם — אַ פאָרט פאַר אַ שיף.
″	106	″	20	— אַפּן ווייסן ברעטערשפּאַן.
″	109	″	33	— אַף האַרטער און שטיינערנער ערד!...
″	112	″	13	— „ז'האָט געטראָגן אַ קלייד אַ מוראַוואָוע,1)
″	126	″	22	— פלאַקערט סומנער די האַרבסטיקע שקיע —
″	127	″	30	— „עס וועט זיין פאַר אונדז, דאָוויד,
″	130	″	30	— און לויז־פאַרראָשטשינעט ברויט, —
″	136	″	21	— „און וואָס קאָנסטו מיר, דאָוויד, אָפּערן
″	140	″	31	— צווישן פינגער ווי שטעקעלעך ראָר,
″	158	″	3	— און ווי קאָנסטו גאָר, דאָוויד, זיין קאָנטענט,